STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01491

# ANARKHO-SOTSYALISTISHE IDEYEN UN BAVEGUNGEN BAY YIDN

Herman Frank

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר הערמאַן פראַנק

# אַנאַרכאָ-סאָציאַליסטישע אידייען און באַוועגונגען ביי יידן

היסטאָרישע און טעאָרעטישע איינפירונג

ביבליאָטעק „פרייע טריבונע"
פאַריז — תל-אביב
תשי״א — 1951

# וועגן דעם מחבר

הערמאַן פראַנק, געבוירן 1892 אין ביאַליסטאָק, האָט באַקומען אַלגע־מיינע און יידישע בילדונג אין זיין געבורטשטאָט, און העכערע — אין קיעוו ווי אויך אין בערלין, אויפן פילאָזאָפישן פאַקולטעט אַלס סאָציאָלאָג און עקאָ־נאָמיסט. אָנגעהויבן זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט אין רוסישער און יידישער פרעסע אין 1913. בעת ערשטער וועלט־מלחמה (דייטשע אָקופּאַציע פון ביאַליסטאָק, 1915—1918) אָפּגעדרוקט אַרבעטן איבער יידישער קאָנ־סום־קאָאָפּעראַציע און דעמאָגראַפיע אין מלחמה־צייטן. געפירט אין יענער צייט געזעלשאַפטלעכע אויפקלערונג־אַרבעט צווישן יידישער סטודענטישער יוגנט און אַרבעטערשאַפט. זיין ערשטע גרעסערע אַרבעט אין גייסט פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם איז דער עטיוד: ״גוסטאַוו לאַנדויער — דער מענטש, דער סאָציאַליסט, דער ייד״, געדרוקט אַלס נאָכוואָרט צו יידישער איבערזעצונג פון ג. לאַנדויערס בוך: אויפרוף צום סאָציאַליזם (בערלין 1921, וועלט־פאַרלאַג). אין יענער צייט איבערזעצט מאַרטין בובערס: דריי רעדן איבער דאָס אידנטום (יידישער פאַרלאַג, בערלין) און אַרויסגעלאָזן אַ בוך פאַר דער יידישער יוגנט: גריכישע חכמים (בערלין, 1922, פרדס פאַרלאַג). אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע סוף 1923 און אַנטוויקלט דאָרט אינטענסיווע זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין דער אַרבעטער־פרעסע (״צוקונפט״, ״גע־רעכטיקייט״, ״דער פריינד״ א. אַנד.). זינט 1924 געווען שטענדיקער מיטאַר־בעטער פון דער ״פר. אַרב. שט.״. דערהויפּט געשריבן אויף טעמעס פון אַלגעמיינער און יידישער סאָציאַל־עקאָנאָמיק ווי אויך צו דער טיפערער אויפפאַסונג פון אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע אידייען און אידעאַלן. זינט סעפּ־טעמבער 1940 — רעדאַקטאָר פון דער ״פר. אַרב. שט.״. האָט אויך מיטגע־אַרבעט אין דער רוסישער פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישער פרעסע אין אַמע־ריקע.

פון זיינע סאָציאָלאָגישע, היסטאָרישע און ביאָגראַפישע אַרבעטן זיינען דערשינען אין בוך־פאָרם: ״יידישע טיפּאָגראַפיע און בוך־אויסאַרבעטונג קונסט (ניו־יאָרק, 1938(, ״צווישן חורבן און אויפבוי״ — פּאַליטישער און סאָציאַלער וועלט־קריזיס און די יידישע לאַגע״ )(ניו־יאָרק, 1940), ״א. ש. זאַקס — קעמפער פאַר פאָלקס־אויפלעבונג״ (ניו־יאָרק, 1945). גרעסערע אַרבעט צו דער געשיכטע פון טרייד יוניאָניזם ביי יידן אין אַמעריקע — אין 2־טן באַנד ״יוואָ־געשיכטע פון ייד. אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע (ניו־יאָרק, 1945). האָט פאַרעפנטלעכט אַ סך אַרטיקלען צו דער געשיכטע פון ייד. פּאַרמעריי און קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין נאָרד־אַמעריקע. אי־בערזעצט פון רוסיש אין ענגליש מ. א. גערשענזאָנס: ״דער שליסל צום גלויבן״; און פּראָפ. פ. שניאורזאָנס ״דער וועג צום מענטש״ — איבערזעצט פון יידיש אין ענגליש.

# אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע
# אידייען און באַוועגונגען ביי יידן

Herman FRANK (New York)

# LES IDEES ET MOUVEMENTS ANARCHO-SOCIALISTES PARMI DES JUIFS

## ANARCHO-SOCIALIST IDEAS AND MOVEMENTS AMONG THE JEWS

(In Yiddish)

✱

**Not copyrighted**

Printed in France.

Editions Polyglottes, 232, rue de Charenton, Paris-12e





# אינהאַלט:

זייט

1. געוואַלטלאָזיקייט און פרייוויליקייט אַלס טרייב-כוחות אין יידישער געשיכטע . . . . . . . . 9
2. צוויי וועגן פון סאָציאַלן באַפרייאונג-קאַמף . . . . . . 13
3. אַנאַרכאָ-סאָציאַליסטישע יידן-רעבעלן איבער דער וועלט . . . . . . . . . . . . . . 17
4. דורך אויפקלערונג און דערציאונג צו סאָציאַלער באַפרייאונג . . . . . . . . . . . 38
5. אַנאַרכאָ-סאָציאַליזם און ציוניזם . . . . . . . . . . 45
6. פעטער קראָפּאָטקין און די יידן-פראַגע . . . . . . . . 51
7. עקספּערימענטן אין קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע . . . . 55
8. סך-הכלען און אויספירן . . . . . . . . . . . . . 61

ביבליאָגראַפיע . . . . . . . . . . . . . . . 67

# פון מחבר

אַט־די בראָשור נעמט אַרום אַ געביט אין דער געשיכטע פון די סאָציאַלע באַוועגונגען ביי יידן אין דער נייער צייט, וואָס איז דערוויייל פון קיינעם נאָך נישט באַהאַנדלט געוואָרן. עס פעלט אפילו דער קוועלן־מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון אַנאַרכאָ־סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס — אין דער פאָרם פון דאָקומענטן־זאַמלונגען און סיסטעמאַטיזירטע איבער־זיכטן וואָס שייך אַלע לענדער חוץ ענגלאַנד און נאָרד־אַמעריקע. במילא איז מיר נישט מעגלעך געווען צו פאַרמיידן פעלערן און אומפינקטלעכקייטן. לאָמיר האָפן אַז דאָס אַלץ, אָדער דער גרעסטער טייל, וועט מיט דער צייט אויסגעבעסערט ווערן.

מיר האַלטן איצט אין מיטן פון דריטן יידישן דור נאָכן אויפקום פון יוגנטלעך־שטורמישן אויפברויז פון דער אידייען־וועלט און באַוועגונג וואָס מיר באַהאַנדלען. איז געוויס אין צייט צו באַקענען אונדזער אייגענעם און דעם נאָכקומענדיקן דור מיט די פאַרלויפער, פיאָנערן און גייסטיקע וועג־ווייזער אויף אָט־דעם פעלד — מיט די מענטשן און אויך פאַסירונגען וואָס געהערן שוין צום נאָענטן אָדער ווייטערן עבר. ספעציעל איז כדאי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון איצטיקן און צוקונפטיקן לייענער און פאָרשער צו דער ליטעראַרישער ירושה פון די באַדייטנדיקסטע טעאָרעטיקער פון אַנאַר־כאָ־סאָציאַליזם ביים יידישן פאָלק.

נישט ווייניקער וויכטיק איז צו שאַפן אַ באַזיס פאַר אַ פרעמד־שפּראַ־כיקער איינפירונג אין אָט־דער שטרעבונג פון יידישן סאָציאַלן געדאַנק, כדי אויך פאַר די אידייען־חברים פון אַנדערע פעלקער זאָל נישט בלייבן פרעמד און אומבאַקאַנט די פאַרצוויייגטע און טיף־ערנסטע ראָלע און דער ביישטייער פון די יידן אין און צום אַלוועלטלעכן שטראָם פון פרייהייטלעכע, הערשאַפט־לאָז־סאָציאַליסטישע שטרעבונגען און אידייען איבער דער גאַנצער וועלט. אויך אין העברעאיש איז אַזאַ אָריענטירנדיקע און אינפאָרמאַטיווע אויסגאַבע נויטיק און צייטיק היינט צו טאָג.

איך וויל באַדאַנקען די חברים אויףביידע זייטן ים וואָס האָבן דער־מעגלעכט די אַרבעט זאָל דערשיינען אין בראָשור־פאָרם. אַ ספּעציעלן דאַנק — דעם ח״ משה ביטינער פאַר זיין קאָאָפּעראַציע אין שאַפן היסטאָרישע מאַטעריאַלן פאַר אַ היפּשן טייל פון דער אַרבעט און טעכנישער מיטהילף ביי דער אויספאַרטיקונג פון דער בראָשור אין פאַריז.

הערמאַן פראַנק
רעדאַקטאָר, ״פרייע אַרבעטער שטימע״

ניו־יאָרק, יאַנואַר 1951.

ד"ר הערמאַן פראַנק

# אַנאַרכאָ-סאָציאַליסטישע אידייען און באַוועגונגען ביי ייִדן

היסטאָרישע און טעאָרעטישע איינפירונג

ביבליאָטעק „פרייע טריבונע"
פאריז — תל-אביב
1951 — תשי"א

# 1. געוואַלטלאָזיקייט און פרייוויליקייט אַלס טרייב־כוחות אין יידישער געשיכטע

אַזוי ווי אַ קאָלירטער פאָדים, ציט זיך אַ שאַרף אָנזעעוודיקע אידייע דורכן גאַנצן געוועב פון דער יידישער געשיכטע — די אידייע פון גייסטיקן כוח פון עטישע באַגריפן, די מאָראַלישע פרינציפּן. ביז גאָר קלאָר טרעט אָט־דער געדאַנק אַרויס אין תנ"ך און אַמשטאַרקסטן ביי די אַלט־יידישע נביאים. אַלע נביאים האָבן געשטעלט דעם כוח פון גייסט, פון אמת און יושר, איבער דער גראָבער פיזישער מאַכט. במילא, זיינען זיי — אין פּרינציפּ, אַזוי צו זאָגן, — געווען אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון מלוכה'שאַפט און פון מלכים.

אַ קלאַסישער ביישפּיל איז שמואל הנביאס שאַרפער פאָרוואורף דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט געוואָלט האָבן איבער זיך אַ מלך און זיין „ווי אַלע פעלקער". כאַראַקטעריסטיש פאַרן נביאישן וועלט־באַנעם איז שוין דאָס, אַז דער נביא זעט אין דעם מלך און אין דער מלוכה דווקא די סימ־באָלן פון אַ סיסטעם, באַזירט אויף געוואַלט, צוואַנג און עקספּלואַטאַציע (שמואל א', ח, 6־18).

פון דער צווייטער זייט, האָבן אין דער לאַנגער תקופה ביזן אונטער־גאַנג פון דער יידישער מלוכה געשפּילט אין דער דראַמע פון דער יידישער געשיכטע אַ גרויסע ראָל די מלכים, גוטע און שלעכטע און זייערע הויף־לייט. אפילו די נביאים האָבן נישט געשפּאָרט קיין לויב פאַר אַ מלך אַ צדיק, ווי יאשיהו. דאָך קען קיינער נישט לייקענען, אַז דער תוך און תמצית פון דער יידיש־נביאישער עטיק, וואָס איז אַריין אַזוי טיף אין דעם גייס־טיקן אוצר פון יידישן פאָלק און פון די מערסטע נישט־יידישע פעלקער, — באַשטייט אין פּרעדיקן, מאָנען און פאָדערן אַ הומאַניטאַרן און יושר'־דיקן סאָציאַלן סדר, פריי פון געוואַלט, פון צוואַנג און עקספּלואַטאַציע. די מערסטע נביאישע שטראָף־רייד ווערן געצילט קעגן די מלכים און זייערע העלפער און מיטגייער — די כהנים און דעם רייכן קלאַס.

לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז בעת דער תקופה פון די יידישע נביאים האָבן ביי די אַרומיקע פעלקער געבושעוועט בלוטיקע מלחמות, אין וועלכע אויך די צוויי יידישע מלוכות (יהודה און ישראל) זיינען אָפט אַריינגע־שלעפּט געוואָרן. אין קעגנזאַץ צו אַזאַ לאַגע זיינען אָבער די נביאישע אי־דעאַלן געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער מענטשנליבע, אַ הייסן פאַר־

לאַנג נאָך יושר, אמת און רחמנות, אַ שטרעבונג צו גערעכטיקייט און גלייכהייט — זייער ווייט פון דעם שטיגער „ווי ביי אַלע פעלקער" אין יענער צייט. מעג מען פרעגן: ווי זעט אויס די נביאישע וויזיע פון דעם צוקונפטיקן סדר פאַרן אייגענעם פאָלק און פאַר גאָר דער מענטשהייט? — ציי האָבן זיי גלאָריפיצירט דעם טריאומף פון פיזישער גבורה און מאַכט? — ניין. זייער העכסטע וויזיע פון „אחרית הימים", פון דעם ענד־ציל פון מענטשלעכן פאָרשריט, איז דער אידעאַל פון אוניווערסאַלן שלום — ליבע און פריינטשאַפט, נישט נאָר צווישן אַלע מענטשן־קינדער, אָן אונטערשיד פון ראַסע און אָפּשטאַם, נאָר אויך צווישן מענטשן און חיות־רעות, און אפילו די חיות צווישן זיך — (ישעיהו, ב׳ 2; י״א 4־9; מיכה, ד׳ 1־5, א. אנד.). אַ העכערע פאָרם און אַ מער פּאָעטישן בילד פון שלום־אידעאַל און פון דער געוואַלטלאָזיקייט־אידייע איז שווער זיך פאָר־צושטעלן. און פאַרגעסט נישט, אַז דער תנ״ך איז געוואָרן דאָס „בוך פון ביכער" פאַרן יידישן פאָלק דורך כמעט דריי טויזנט יאָר צייט.

נאָך די רוימישע נצחונות איבער יהודה, אין אָנהייב פון דער ציווי־לער צייט־רעכענונג־תקופה (71־135 נ. ק.), און נאָך דעם אונטערגאַנג פון מלוכה׳שאַפט ביי יידן, איז די אַלטע פאָדערונג פון אַ גייסטיקער פאַרבעסע־רונג, אין קעגנזאַץ צו אַ גלויבן אין רויער פיזישער געוואַלט, געגאַנגען נאָך פיל ווייטער ווי אין די צייטן פון מלכים און כהנים אין ירושלים. פריער, בעת דער נביאישער תקופה, איז דער קאָנטראַסט צווישן רויער מאַכט און אידייע, צווישן פיזישן כוח און גייסט, געקומען פון די אינער־לעכע מאָראַלישע מאָטיוון און פון עטישע פּרינציפּן אין דער פאָרם פון געטלעכע געבאָטן, וואָס די נביאים האָבן פאַרבונדן מיט אַן אידייע פון דעם עטישן גאָט, אַן איינאיינציקן פאַר אַלע פעלקער. איצט אָבער, נאָך דער צעשטערונג פון דער יידישער מלוכה, זיינען די עטישע אידייען, די שטרע־בונגען צו אַ פאַרבעסערונג פון יחיד און פון פאָלק, געקומען אויף אַ נאַ־טירלעכן וועג. זיי זיינען געוואָרן אַ פועל־יוצא פון היסטאָרישע באַדינגונגען אין צוגאָב צו אַ פאַרהייליקטער טראַדיציע פון דער געשריבענער תורה. בישלעכווייז, אין זיין דויערנדיקער צעשפּרייטונג, האָט דאָס פאָלק פון תנ״ך פאַרלוירן זיינע קריגערישע געוואוינהייטן. אַלץ טיפער איז אין דער פאָלקס־פּסיכיק איינגעוואָרצלט ... באַוואוסטזיין פון פיזישער מאַכטלאָ־זיקייט.

זעען מיר אָט וואָס, סיסטעמאַטיש, דור נאָך דור, ווערט פון יידישן פאָלקס־שאַפן אויסגעוואָרצלט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו בלוטיקער מל־חמה און קריגס־גבורה. אין תלמוד קען מען געפינען זייער ווייניק מלחמה־דערציילונגען, קריגערישע גבורה־מעשיות און נאָך ווייניקער באַשרייבונגען פון מלוכה׳שע צערעמאָניעס און טראַדיציעס פון דעם אַרומיקן נישט־יידישן לעבן. די הויפּט־אויפגאַבע פון די יידישע פאָלקס־פירער, וועג־ווייז־

זער און לערער איז געווען אַ ריין גייסטיקער ענין, נעמלעך: נישט צו רופן דאָס פאָלק צו אַ נייעם מלוכה־לעבן, „ווי אַלע פעלקער", נאָר צוזאַמענבינדן דאָס צעזייטע פאָלק דורך אַ גייסטיקער דיסציפּלין און פריוויליקע פאַר־אייניקונג־מיטלען, אָן פיזישן צוואַנג און געוואַלט. אין תלמוד, נאָך מער ווי אין תנ"ך, ווערט דעם מענטשנס שטרעבונג צו גייסטיקער און מאָראַלי־שער אויסבעסערונג אוועקגעשטעלט אַלס די העכסטע פאָדערונג — פאַר יידן און פאַר אַלע פעלקער. אין אַט־דעם גייסטיקן קלימאַט האָבן געלעבט דורות יידן אין פיל טיילן פון דער דעמאָלטיקער וועלט, וואו ס'האָט גע־בליט און געוואַקסן דער שטודיום פון תנ"ך און תלמוד.

אונטערן איינפלוס פון אַזעלכע קולטור־פאָרמען איז צווישן יידן אויפ־געצויגן געוואָרן אַ נייגונג און געוויינהייט זיך אָפּצוגעבן מיט גייסטיקע ענינים און אינטערעסן און מיט פרייע פּראָפעסיעס, וואָס זיי אַלע באַזירן זיך אויף אַ היפּש לאַנגן און סיסטעמאַטישן וויסנשאַפטלעכן שטודיום.

דער רעספּעקט צו גייסטיקן אויטאָריטעט און די נייגונג צו אַ דויערנ־דיקן שטודיום, אַלס אַ רעליגיעזע טראַדיציע ביי יידן, האָט געהאַט אַ מערק־ווירדיקן רעזולטאַט אין זייער קהלישן לעבן, אין זייער שטייגער פון מענטש־לעכן צוזאַמענלעבן. מערסטנס איזאָלירט און פאַרפאָלגט פון דער אַרומי־קער וועלט, האָבן די יידן, אַלס פאָלק, אויסגעפאָרמט אַ צוזאַמענלעבן־שטיי־גער נישט אויפן יסוד פון ריין־מלוכה'שע צוואַנג־באַפעלן און פון אויסער־לעכער אַריינמישונג, נאָר כמעט אויסשליסלעך אונטער דער השפעה פון די אייגענע גייסטיקע אויטאָריטעטן און וועגווייזער — די גאונים, חכמים און רבנים. אַ סאָציאַל־קולטורעלער קהלה־שטייגער איז אויפגעקומען ביי יידן, וואָס אין זיין יסוד איז געלעגן נישט דער מלוכה־געזעץ, — נאָר די פריי־וויליקע דיסציפּלין און אַ גרייטוויליקייט זיך צו רעכענען מיטן כלל (געזעל־שאַפט) און נישט בלייבן גלייכגילטיק צום גורל פון די מיטמענטשן, פון דעם ברודער אין דער אייגענער יידישער געמיינדע און אינם פאַרבאַנד פון די געמיינדעס. במילא איז אויך אַנטשטאַנען פון אונטן אַרויף, ווי פון זיך אַליין, די נייגונג צו סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקער הילף (אויך אין אַנ־באַטראַכט פון דער אויסערלעכער סכנה, רדיפות און גזירות) אַלס אַלגע־מיינע פירונגען אין מענטשלעכן צוזאַמענלעבן פון די רעכטלאָזע, אונטער־דריקטע און פאַרשפּאַרטע אין זייערע געטאָס יידן.

אויף אַזאַ אופן איז די פּראַקטיק, אויב נישט די טעאָריע, פון אַ גע־וואַלט־ און הערשאַפטלאָזן סדר נישט פרעמד געווען דעם יידישן פאָלק דורך דורות־לאַנגן לעבן אויף די יסודות פון אַן אינערלעכער וויט־גייענ־דיקער אויטאָנאָמיע און לויט די טראַדיציעס פון פרייוויליקייט און רעס־פּעקט צום גייסטיקן אויטאָריטעט, אָפטמאָל אפילו אָן אַ צו שטאַרקער דאָגמאַטיק פון דער רעליגיעזער אָרטאָדאָקסיע. לאַנג, לאַנג איז דאָס אינער־לעכע לעבן פון די יידישע מאַסן געווען כמעט פריי פון שטאַטלעכן קאָנ־

טראַל און פון מיט געוואַלט אַרויפגעצוואונגענע געזעצן, וואָס שייך די באַציאונגען פון מענטש צו מענטש.

אַזאַ סיטואַציע האָט הונדערטער יאָרן כסדר באַהערשט דאָס יידישע לעבן אין מזרח־ און מערב־לענדער, אין אַזיע און אייראָפּע. אַ נייע ווענדונג איז געקומען אין דער עמאַנציפּאַציע־תקופה, נאָך די גרויסע רעוואָלוציעס אין נאָרד־אַמעריקע און פראַנקרייך. דאָס מאָרגנרויט פון אַ נייער צייט האָט אַ שיין געטאָן פאַרן גערודפטן יידן. ס׳איז, ווי איבערנאַכט, פאַרטריבן געוואָרן די פינצטערניש פון אַ היפּש־דערנידעריקטן און באַליידיקנדיקן, ווי אויך גייסטיק־איינזייטיקן, געטאָ־לעבן 1).

---

1) אמת, פאַר די גייסטיק־שטאַלצע, און דורך תורה־לערנען און עטיש־געלייטערטן לעבן, איבערן דורכשניט פון די נישט־יידישע שכנים, שטייענדיקע יידן איז די געטאָ־עקזיסטענץ אפשר נישט אויפגענומען געוואָרן אַלס אַ טראַגעדיע און קללה. גיכער פאַרקערט — אַלס אַ ווילקאָמענע געלעגנהייט צו אַנטוויקלען אַ העכערן גייסטיקן שטייגער און אַ מעגלעכקייט אויספירן די סאָציאַלע פונקציעס פון סאָלידאַריטעט און פאַרזאָרגונג פון די אָרימע, קראַנקע, אַלטע לויט א. אַז. וו. אָבער מיט דער אַריינדרינגונג פון דער אַלגעמיין־אייראָפּעאישער אויפקלערונג (נאָך 1750) הינטער די געטאָ־מויערן איז פאַרן גייסטיק־דערוואַכטן יידן דאָס געטאָ געווען גלייכבאַדייטנדיק סיי מיט שיפלות־מצב פון יידישן פאָלק, סיי מיט דער גייסטיקער פינסטערניש. עס אַנטשטייט די באַוועגונג פון גייסטיקער זעלבסט־באַפרייאונג דורך אַנטלויפן פון געטאָ און זיך באַקענען מיט דער פילזייטיקער גייסטיקער וועלט, מיט בערלין אַלס איר הויפּט־צענטער פאַר מזרח־אייראָפּעאישע יידן (זען די קלאַסישע אויטאָביאָגראַפיע פון שלמה מיימאָן (1754—1800). אויך מוז צוגעגעבן ווערן, אַז אין אינערלעכן געטאָ־לעבן, און אינם פּריוואַטן יידישן שטייגער בכלל, האָבן נישט געפעלט גרעסערע און קלענערע פאַלן פון סאָציאַלן אומיושר, פון פאַלשקייט, פאַרקנעכטונג און אומטאָלעראַנץ, ווי דאָס זיינען די כמעט אומפאַרמיידלעכע שאָטנדיקע זייטן אין יעדן טיפּ פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן.

## 2. צוויי וועגן פון סאָציאַלן באַפרייאונג־קאַמף

די יידישע מאַסן אין מערב־אייראָפּע האָבן אויף אַ לייכטן וועג זיך, אין משך פון 19־טן י״ה, אַקולטוריזירט, ד. ה. זיך צוגעפּאַסט צום שטייגער און צו דער גייסטיקער אַטמאָספער פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן, אין לויף פון דורות, געלעבט. דיזראַעלי־ביקאָנספילד איז געווען נישט דער איינציקער ייד, און ענגלאַנד — נישט דאָס איינציקע לאַנד, וואו עמאַנציפּירטע יידן האָבן אַלע זייערע פעאיקייטן געשטעלט אין דינסט פון נאַציאָנאַלע שטאַטן, ד. ה. פון פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם און אימפּעריאַליזם, שוין נישט אונטער דער פירערשאַפט פון די דינאַסטיש־אַריסטאָקראַטישע קרייזן, ווי ביז דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, נאָר פון די קאַפּיטאַליסטיש־ליבעראַלע, בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעזשימען.

אפילו די פירער פון סאָציאַלן פּראָטעסט־לאַגער, ווי לאַסאַל און מאַרקס, האָבן געהאַלטן, אַז גרויסע מעגלעכקייטן עפענען זיך פאַרן אַרבעטער־קלאַס, אויב און ווען דער פּאָליטישער צוואַנג־אָרגאַניזם, דער שטאַט, קומט אונטער דער פאָרהערשאַפט פון דעם אָרגאַניזירטן און קעמפערישן אַרבעטער־קלאַס.

וואָס איז שייך צו קאַרל מאַרקסן (1818—1883), איז ער אין זיינע יונגע יאָרן געווען בפירוש אַ שונא פון „יידישקייט״, וועלכע איז, אין זיינע אויגן, געווען גלייכבאַדייטנדיק מיטן פאַרהאַסטן קאַפּיטאַליזם. און דאָך האָט דווקא מאַרקס, נאָך מער ווי אַנדערע גרויסע יידישע סאָציאַליסטן פון זיין צייט (לאַסאַל, משה העס א. אנד.), געווים געטראָגן אין זיין בלוט דעם רווישנדיקן און פלאַמיק־בייסנדיקן פּראָטעסט־געפיל פון די יידישע נביאים און משיח־טרוימער קעגן אומיושר, סאָציאַלער אומגלייכהייט און אונטערדריקונג, קעגן שקלאַפעריי און מלחמה, און פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, פעלקער־פאַרברידערונג און שלום.

אויך גיט מאַרקס׳ יידישע אָפּשטאַמונג (פון דורות רבנים) אַ טיילווייזע דערקלערונג פאַר זיין גרינטלעכער קריטיק און טיפן, אָפט חריפישן, אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיק. איז דאָס אפשר נישט אַ גלגול פון דער טראַדיציאָנעל־יידישער מעטאָדע, געבוירן פון תלמודישן פּלפּול, צו דערפירן דאָס אַבסטראַקט־לאָגישע דענקען צום סאַמע לעצטן עקסטרעם?

נאָך וויכטיקער איז אַ צווייטער אומשטאַנד. מאַרקס, אין איינקלאַנג מיטן צייט־גייסט, וואָס איז געווען באַהערשט פון אַ גלויבן אין צענטראַליזירטן און סואווערענעם (קיין העכערן, גייסטיקן אויטאָריטעט נישט אנערקענענדיק) שטאַט, האָט צו נידעריק אָפּגעשאַצט די ראָל פון פרייוויליקער סאָלידאַריטעט, פון קעגנזייטיקער הילף און קאָאָפּעראַציע, אין איר פולסטער, ד. ה. אינטעגראַלער פאָרם פון „פאַראייניקטע אינטערעסן״ פון אַ גרופּע געמיינזאַם לעבנדיקע און קאָלעקטיוו אַרבעטנדיקע גרופּעס און

פון וואָס ברייטערע פּאַרבאַנדן פון אַזעלכע גרופּעס. ער האָט דווקא זיי נישט דערשאַצט אַלס יסודות פאַר אַ געזונטן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. ממילא האָט ער פאַרזען די ראָל (צו וועלכער דער יחיד דאַרף דערצויגן און צוגעגרייט ווערן) פון מענטשלעכער זעלבסט־אָריענטאַציע, פון פרייען אויס־וואַל און פון זעלבסט־באַשטימונג. זיי, אָט־די דערוואַכטע מענטשן, — און נישט די פּאָליטישע מאַכט־מיטלען און רויע הערשאַפט־מעטאָדן פון דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַלן שטאַט — זיינען געווים די געזונטסטע, די ריכ־טיקסטע פאַקטאָרן פון סאָציאַלן פאָרשריט. אָבער, ווי שוין געזאָגט, קאַרל מאַרקס, אַ קינד פון זיין צייט, איז גראָד געווען צו איינזייטיק־אָריענטירט אין אָט־דעם לעבנס־וויכטיקן ענין.

פאַר אַ מענטש פון יידישער אָפּשטאַמונג, ווי קאַרל מאַרקס, זעט אָט־די איינזייטיקייט אויס אַ היפּש ביסל אומנאַרמאַל. יידן זיינען 1800 יאָר צייט געבליבן אַ פאָלק, צום טראָץ אי פון שטאַטלאָזיקייט, אי פון די כסדר־דיקע רדיפות. די ירושה פון מעכטיקן נביאישן פּראָטעסט קעגן אומיושר און מלחמה איז, דורך דורות פון טיפּיש־קוואַליפיצירטע יידן (גאונים־לומ־דים און רבנים), דערגאַנגען צום שטורמיש־רעוואָלוציאָנערן און דורך דורך אייראָפּעאיש־אַקולטוריזירטן קאַרל מאַרקס. וואָלט דאָך אַזאַ מערק־ווירדיקע פאַרקייטלונג, אַזאַ היסטאָרישער דרך, געדאַרפט געפינען פאַר זיך אַ דערקלערונג, איבער וועלכער אַ קאָפּ־מענטש ווי מאַרקס וואָלט געמעגט זיך פאַרטראַכטן. די דערקלערונג פאַר דער דויערנדיקער טראַדיציע ליגט אין דער געשיכטלעכער ראָל פון די פעסט־אַנטשלאָסענע און צומאָל אומ־פּאָפּולערע, מינדערהייטן מיט אַ ווילן די פיינטלעכע סביבה בייצוקומען און זיך אויפהאַלטן מיטן כוח פון אַ גרויסער עטישער אידייע און הויכן אי־דעאַל, וועלכע די גרופּע פאַרטרעט. דווקא אָט־די פּאָזיטיווע פאַקטאָרן, און נישט די מערסטנס נעגאַטיווע (גייסט־אָפּשטויסנדיקע) אַקציעס פון די צוואַנג־פּאַרבאַנדן און פון זייער „דאַך־אָרגאַניזאַציע", דעם צענטראַליזירטן און ביוראָקראַטישן שטאַט, באַשטימען די גורלות פון די מינאָריטעט־גרו־פּעס אין באַצוג צו זייער קיום און פאָרשריט און צו זייער עווענטועלן איינפלוס אויף דער מאָראַליטעט פון פאָלק. טאָ פאַרוואָס זאָל עס אַנדערש זיין מיט דער מענטשהייט אַלס אַ גאַנצקייט. ווי אַזוי קען איר ישועה און סאָציאַלע גאולה מעגלעך זיין אויף די וועגן פון שטאַטלעכן צוואַנג, מיט די אינסטרומענטן פון געוואַלט און מאַכט און מלחמה?

סוף כל סוף האָט מאַרקס' לערע, אין איר ערשטער פולער פאַרווירק־לעכונג — אין נייעם רוסלאַנד, דערפירט צו דער העכסטער שטופע פון שטאַטלעכן דעספּאָטיזם און צו דער שאַפונג פון אַ טיראַניי, ווי די מענטש־הייט האָט עס שוין לאַנג נישט געזען. עס איז נישט גענוג צוצושרייבן אָט־די קאָרופּציע פון דער סאָציאַליסטישער וויזיע צו אַ פּערזענלעכן טיראַנישן רעזשים (סטאַליניזם), ווייל אין דער אמתן איז זי דער רעזולטאַט פון איי־

נער פון די נישט ווייניקע מאַרקסיסטישע אילוזיעס. די ערגסטע, געפערלעכ־סטע פון אָט־די אילוזיעס איז די דערוואַרטונג פון מאַרקסן, ענגעלסן און זייערע תלמידים, אַז דער פּראָלעטאַרישער שטאַט וועט פריער צי שפּעטער פון זיך אַליין אָפּשטאַרבן, אונטערגיין. אָט־דער איינגעבילדעטער אָפּטימיס־טישער גלויבן מוז מאַכן די מענטשן גענייגט צו אַקצעפּטירן, אויף אַן אומקריטישן אופן, די כלומרשט צייטווייליקע, פּאַראַיבערגייענדיקע דיק־טאַטור, וועלכע האָט אָבער קיינמאָל קיין חשק נישט אָפּצודאַנקען...

אַנטקעגן אַזאַ קלאָר פאָרגעזעענער סכנה איז נאָך ביי מאַרקס׳ לעבן שטאַרק אַרויסגעטראָטן, אונטער מיכאיל באַקונינס פּירערשאַפט, אַ צווייטע ריכטונג אין דער גרויסער באַוועגונג פון סאָציאַלן קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין 1840 און באַזונדערס אין די ערשטע 1860ער יאָרן, ביים גרינדן דעם ערשטן „אינטערנאַציאָנאַל". די צווייטע ריכטונג האָט איר לערע באַזירט אויף פרייוויליקייט און סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטער און אויף דעם מאַסן־קאַמף, ד. ה. אַן אויפשטאַנד פון די ברייטע, באַעוולטע און אונטערדריקטע פויערים און אַנדערע פאָלקס־מאַסן קעגן דעם יאָך פון שטאַט, פון קאַפּיטאַליזם און פון דער אָרגאַניזירטער קירך. אָט אַזאַ באַגריף „מאַסן־קאַמף" איז, לויט באַקונינען נאָך, אַ מער ממשותדיקער רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר איידער דער „קלאַסן־קאַמף" באַגריף, וואָס פאַר אַ סך רעוואָלוציאָנערע דענקער האָט ער אויסגעזען צו זיין אַ ריין־אַבסטראַקטע, בלוטלאָזע אידייע, פּונקט ווי דער באַגריף „קלאַס", אויף וועלכן די אידייע איז באַזירט.

באַקונין האָט אַוועקגעשטעלט זיין אידעאָלאָגיע אויף אַ סינטעז פון אינדיווידואַליזם, ד. ה. וואוקס און אַנטוויקלונג פון דעם יחידס פּערזענ־לעכקייט, מיט קאָלעקטיוויזם, ד. ה. דער מיטגעבוירענער געזעלשאַפטלע־כער שטריך, אַלס דער הויפּט־סימן פון יעדן רייף־מענטשלעכן וועזן. אין גרונט גענומען איז אינדיווידואַליזם און קאָלעקטיוויזם, וועלכע באַקונין האָט געזוכט צו סינטעזירן, אַ מין פאָרויסזעאונג פון דעם איצט זייער אַקטועלן פּראָבלעם פון סינטעזירן די פּאָליטישע פרייהייט, פון איין זייט, און עקאָנאָמישע גערעכטיקייט און גלייכהייט פון דער צווייטער זייט.

אויף אָט־די בפירוש „נישט־מאַרקסיסטישע", אָבער טיף־מענטשלעכע און פּערמאַנענטע יסודות, איז אויפגעבויט געוואָרן דער סאָציאַלער וועלט־באַנעם פון באַקונינס דירעקטע נאָכפאָלגער און הייסע אָנהענגער — די אַנאַרכיסטן (דער ערשטער צו נוצן, אין זין פון הערשאַפטלאָזיקייט, דאָס וואָרט „אַנאַרכיע" איז געוועזן פּ. זש. פּרודאָן). דער הויפּט־טעאָרעטיקער (נאָך באַקונינען) פון דער נייער ריכטונג, אין גייסט פון אַנאַרכיזם־קאָמו־ניזם, איז געוועזן פּעטער קראָפּאָטקין (1842—1921). דער שפּאַלט צווישן די צוויי ריכטונגען אין סאָציאַלן רעוואָלט איז אַלץ טיפער געוואָרן.

זינט דעם ריס צווישן די צוויי גייסטיקע ריזן און די גרינדער פון

דעם ערשטן „אינטערנאַציאָנאַל”, מאַרקס און באַקונין, האָט אַ העפּטיקער שטרייט געבושעוועט צווישן זייערע חסידים און תּלמידים. צוויי אָפּגעזונ־דערטע גרופּן פון ראַדיקאַל־געשטימטע סאָציאַלע וואָרט־פירער זיינען גלייכצייטיק אויפגעקומען אין אַ סך לענדער פאַראַמאָל: פון איין זייט די אָנהענגער פון מאַרקסיסטישן אויטאָריטאַריטאַרישן, צענטראַליסטישן סאָ־ציאַליזם און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, און פון דער צווייטער זייט די גרופּעס פרייהייטלעכע קאָלעקטיוויסטן פון באַקונינס לאַגער און די אַנאַר־כיסטן־קאָמוניסטן, תּלמידים פון די פעדעראַליסטישע לערעס פון פּרודאָן און פּעטער קראָפּאָטקין. מיט אַנדערע ווערטער: די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די אַנאַרכיסטן.

ס׳האָבן זיך געשאַפן צוויי קעגנערישע לאַגערן, וואָס האָבן נישט זעלטן געפירט לאַנגע און ביטערע מחלוקתן צווישן זיך. פון די צוויי מחנות איז דער אין ציפערן געמאָסטענער, דער קוואַנטיטאַטיווער, איבערגעוויכט ביז איצט פאַרבליבן ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אָדער מאַרקסיסטן; אָבער די קוואַליטאַטיווע מעלות, אַ העכערע שטופּע פון באַוואוסטזיין בנוגע די צילן און מיטלען פון אַרבעטערס באַפרייאונגס־קאַמף, זיינען געווען און גע־בליבן אויף דער זייט פון די אַנאַרכיסטן. אַ נישט קליינע ראָל האָבן אין דעם אַנאַרכיסטישן לאַגער געשפּילט יידישע אַרבעטער אין אַ סך לענדער, אויףביידע זייטן פון אַטלאַנטיק, ווי עס וועט באַוויזן ווערן איז די ווייטער־דיקע קאַפּיטלען.

# 3. אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע יידן־רעבעלן איבער דער וועלט

גיך נאָכן אָנהייב פון דעם ברודער־קריג צווישן די צוויי צווייגן פון דער ניי־אָרגאַניזירטער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט דער געשיכטע־גאַנג פון אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק אָנגענומען אַ נייע ווענדונג. ס׳האָבן אַ קנאַל געטאָן די ערשטע דונערן פון אָנקומענדיקן גרויסן פּראָטעסט־שטורעם צווישן די מזרח־אייראָפּעאישע יידן אין קאַמף קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. די קרבנות פון צאַרישן דעספּאָטיזם און קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע זיינען אַרויס אין אַ רעוואָלט — די יידן־רעוואָלוציאָנערן פון רוסלאַנד און פּוילן. אַ סך פון זיי האָבן, אין די 1870 און 1880־ער יאָרן, מחמת פּאָליטישע רדיפות אָדער אָרימקייט, עמיגרירט קיין ענגלאַנד און אַמעריקע, און טאַקע דאָרט, אין די נייע וואוין־לענדער, געפונען אַ סביבה פאַר פרוכטבאַרער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין זייערע רייען.

אין לאָנדאָן איז אין אָנפאַנג נישט געווען צו פילן אַ צו שאַרפע צעשיידונג צווישן די צוויי פליגלען פון דער יידישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ביידע מחנות האָבן געהאַט אַ געמיינזאַמען שטאַם־פאָטער, אהרן ליבערמאַן (1843—1880) — אַ רוסיש־יידישער אינטעליגענט און גרינדער פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער צייטשריפט ביי יידן (אין העברעאיש) — „האמת", וועלכע ער האָט געדרוקט אין ווין. אין לאָנדאָן האָט ער געווירקט אין דער צווייטער העלפט פון די 1870ער יאָרן. נאָך זיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע, האָט אין די 1880־ער יאָרן, אָנגעהאַלטן אין לאָנדאָנער געטאָ, פאַר אַ קורצער צייט, אַ גייסט פון קאָאָפּעראַציע צווישן ביידע מחנות, סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן.

ביסלעכווייז האָט דער אַנאַרכיסטישער שטראָם אָנגעהויבן גובר צו זיין איבערן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אין לאָנדאָן און אין אַנדערע ענגלישע שטעט מיט יידישע אַרבעטער־אימיגראַנטן. דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע־אָרגאַן פון די יידישע אַרבעטער אין לאָנדאָן, „דער אַרבעטער־פריינד" געגרינדעט אין 1886, איז זינט 1892 געווען פאַר לאַנגע יאָרן אַ ריין־אַנאַרכיסטישע צייטשריפט, אָבער דאָך נישט פון אַ שאַרף־פּאַרטייאישן, אומטאָלעראַנט־סעקטאַנטישן כאַראַקטער.

אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט און נאָך 1900 האָט אַ ברייטער שטראָם פון יידישע אויסוואַנדערער פון רוסלאַנד, פּוילן, עסטרייך און רומעניע כסדר געפלאָסן קיין נאָרד־אַמעריקע און אַרגענטינע. נישט ווייניק פון די וואַנדערער האָבן זיך יאָרנלאַנג אויפגעהאַלטן אין לאָנדאָן, און זיינען דאָרט באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער ראַדיקאַלער געדאַנקען־וועלט און

אַרבעטער־באַוועגונג. זיי האָבן מיטגעבראַכט די ערשטע זאָמען פון אַנאַרכיסטישער לערע און טאַקטיק קיין אַמעריקע, באַזונדערס קיין ניו־יאָרק. סוף 1880־ער יאָר האָבן שוין עקזיסטירט קליינע גרופּעס פון ראַדיקאַל־געמישטע יידישע אַרבעטער און פאָלקס־אינטעליגענטן אין ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, באַלטימאָר און אַנדערע שטעט, גרופּן ווי „פּיאָנערן פון פרייהייט", „ריטער פון פרייהייט" א. ד. גל., שטאַרק צוגעבונדענע צו דעם „גייסטיקן צענטער" אין לאָנדאָן (2).

אין די צוויי גרעסטע אַמעריקאַנער האַפן־שטעט, מיט געדיכטע יידישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן, ד. ה. ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע, האָט אַ ברייטע נאָכפאָלגערשאַפט און אומבאַגרענעצטע באַוואונדערונג געוואונען פאַר זיך אַ באַרימטער דייטשישער אַנאַרכיסט און פּאָליטישער עמיגראַנט פון צוויי לענדער (דייטשלאַנד און ענגלאַנד), יאָהאַן מאָסט (1846—1906). אַ מענטש מיט אַ זעלטענער רעדנער־קראַפט און פייערדיקן רעוואָלוציאָנערן־טעמפּעראַמענט, האָט ער שנעל געפונען אומצייליקע חסידים צווישן יידן און נישט־יידן. אים האָבן די יידישע רעבעליש־געשטימטע מאַסן זייער גוט פאַרשטאַנען, הגם פון אַ ליטעראַרישן דייטש־לשון האָבן כמעט זיי אַלע קיין השגה נישט געהאַט. מאָסט איז געווען באַליבט און פאַרערט, און זיין דייטשישע וואָכנשריפט „פרייהייט" איז ממש פאַרהערלעכט געוואָרן, אפילו פון די וואָס האָבן זי קוים געקענט לייענען...

אָבער דער הויפּט־שטראָם פון דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין נאָרד־אַמעריקע איז געקומען פון די יונגע פאָלקס־אינטעליגענטן. זיי האָבן אומדערמידלעך, זינט 1886, און יאָרנלאַנג, צענדליקער יאָרן שפּעטער, פאַרשפּרייט אַ סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע אויפקלערונג, אָרגאַניזירנדיק קלובן און פאַראייגען, דרוקנדיק פלוגבלעטלעך און בראָשורן, און גרינדנדיק צייטונגען, זשורנאַלן אין די צוויי הויפּט־צענטערן פון דער באַוועגונג — אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק.

---

2) גאָר באַזונדערס איבערצייגט און פּרוכטבאַר איז אָנגעגאַנגען די אַנטוויקלונג פון דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג, אין די יאָרן 1890—1910, אין פילאַדעלפיע. דאָרט האָט געלעבט און געווירקט, אַלס אַן אָרגאַניזאַטאָר פון טרייד־יוניאָנס און קאָאָפּעראַטיוון, ווי אויך אַלס זייער פּאָפּולערער פאָלקס־רעדנער און אַנאַרכיסטישער אַגיטאַטאָר, חיים לייב ווייַנבערג (1860—1939). שפּעטער איז דאָרט טעטיק געווען אַלס רעדנער, לעקטאָר, און פירער פון דער „ראַדיקאַלער ביבליאָטעק" (אויך אַלס ברענטש פון אַרב. רינג) יוסף קאַהאַן, שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר (1921—1933) פון דער „פר. אַרב. שט.". (אין זיין בוך „יידיש־אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע" (פילאַדעלפיע, 1945) פאַרנעמט פילאַדעלפיע אַ זייער גרויסן פּלאַץ). אין פילאַדעלפיע איז, אין 1906, אַרויסגעגאַנגען אַן אַנאַרכיסטישע וואָכנשריפט „ברויט און פרייהייט". פאַר אַ לאַנגער צייט האָט פילאַדעלפיע געשפּילט די ראָלע פון דעם גרעסטן, נאָך ניו־יאָרק, צענטער פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין נאָרד־אַמעריקע.

די לעבעדיקסטע פּראָפּאַגאַנדע פאַרן אַנאַרכיזם צווישן יידן, און נישט נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז אָבער געקומען נישט פון געדרוקטן אָדער גערעדטן וואָרט, נאָר דורך אַן אומדערהערט־אַכזרישער טאַט. דאָס איז געווען די טרויעריק־באַרימטע „העימאַרקעט־טראַגעדיע" אין שיקאַגאָ, אין 1887—1886, ווען פינף אומשולדיקע וואָרט־פירער פון די ענגליש־און דייטש־רעדנדיקע אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע (פּאַרסאָנס, שפּיז, ענגעל, פישער און לינג) האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס אַלס קרבנות פון אַן אומ־געהויערן יוסטיץ־מאָרד. דער טיף־עמאָציאָנעלער כעס און פלאַמענדיקע אַנטריסטונג ביי די יונגע יידישע פרייהייט־קעמפער, אַלס ענטפער אויף דער מיאוסער „קלאַסן־נקמה" פון די רעגירנדיקע שיכטן, די גבירים־אדי־רים, די הערשער פון דער כלומרשטער רעפּובליקאַנישער און דעמאָקראַ־טישער מדינה, האָט געוואַלדיק סטימולירט דעם וואוקס פון ראַדיקאַלן גע־דאַנק אין אַנאַרכיסטישן גייסט, ווי דאָס באַשרייבט איינער פון די פּיאָ־נערן פון דער באַוועגונג ביי יידן אין ענגלאַנד און אַמעריקע, ש. יאַנאָווס־סקי (3), וועלכער איז אָנגעקומען אין ניו־יאָרק פון 1885.

די ערשטע יידישע אַנאַרכיסטישע וואָכנשריפט אין אַמעריקע, וואָס איז אויך געווען די ערשטע אין אַמעריקע צייטשריפט ביי יידן, אַרויסגע־געבן פון אַן אַרבעטער־גרופּע, די „ווארהייט", איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם דערמאָנטן אַרבעטער־פאַראיין „פּיאָנירן פון פרייהייט", אין ניו־יאָרק אין 1889. געלט־מאַנגל האָט געצוואונגען אָפּצושטעלן די צייטונג נאָך אירע ערשטע צוואַנציק נומערן. זי איז געווען די ערשטע געזעלשאַפטלע־כע, ד. ה. נישט פון אַ פּריוואַטער פּערזאָן אָדער גרופּע אַרויסגעגעבענע סאָציאַליסטישע פּרעסע־טריבונע אין דער יידישער שפּראַך אין נאָרד־אַמע־ריקע. איר הויפּט־רעדאַקטאָר איז געווען יוסף יאפּפאַ.

דעם 4־טן יולי 1890 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ נייע וואָכנ־שריפט, אַרויסגעגעבן פון יידישע אַנאַרכיסטן, די „פרייע אַרבעטער שטי־מע", וועלכע עקזיסטירט נאָך ביזן היינטיקן טאָג. דעם ערשטן יאָר האָט זי געהאַט צו צוויי רעדאַקטאָרן: אַן אַנאַרכיסטישן (ר. לואיס, ד. עדעלשטאַט) און אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן (ד"ר בראַסלאַווסקי און יצחק־אייזיק הור־וויטש).

מיט דער צייט האָט זי זיך דערוואָרבן די רעפּוטאַציע פון דער בעסטער און איינפלוס־רײַכסטער וואָכנצייטונג אין יידיש. איר כמעט ערשטער באַ־רימטער רעדאַקטאָר איז געווען דער זייער באַליבטער רעוואָלוציאָנערער דיכטער דוד עדעלשטאַט (1892—1866). זיינע שטורמישע ווי אויך רירנ־דיק־האַרציקע אָדער פון אינטענסיוו־רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס באַהויכטע

---

3) זען זיינע זכרונות „ערשטע יאָרן פון יידישן פרייהייטלעכן סאָציאַ־ליזם", ניו־יאָרק, 1948.

לידער, ווערן נאָך ביז איצט געזונגען פון יידישע אַרבעטער אויף ביידע זייטן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן. נאָך איר ערשטן גרויסן רעדאַקטאָרס טויט איז די „פר. אַרב. שט." אויף עטלעכע יאָר צייט אָפּגעשטעלט געוואָרן.

אין 1899 איז זי באַנייט געוואָרן דורך דעם באַגאַבטן שרייבער, גלענצנדיקן, שאַרף־סאַרקאַסטישן רעדנער און לעקטאָר, ש. יאַנאָווסקי (1864—1939), וועלכער האָט זי געפירט צוואַנציק יאָר צייט. ער איז עטלעכע יאָר (1890—1894) געווען טעטיק אין לאָנדאָן, אַלס אַגיטאַטאָר, אַרבעטער־פירער און רעדאַקטאָר פון „אַרבעטער פריינד".

נאָך יאַנאָווסקים אָפּפאָר פון לאָנדאָן האָט דער „אַרבעטער פריינד" קיין פּראָמינענטן רעדאַקטאָר נישט געהאַט עטלעכע יאָר צייט. ערשט מיטן אָנקום פון רודאָלף ראָקער קיין לאָנדאָן, אין 1899, האָט אָט־דער נישט־יידישער דייטש (געב. 1873) פאַרנומען דעם אָנגעזעענסטן פּלאַץ צווישן די פילע רעדאַקטאָרן וואָס דער „אַרב. פריינד" האָט דורך 30 יאָר פון זיין עקזיסטענץ געהאַט. ראָקער איז אויף זיין פּאָסטן פאַרבליבן ביז 1914, ווען ער איז פון דער בריטישער מלחמה־רעגירונג איינגעשפּאַרט געוואָרן אין אַ לאַגער אַלס „פיינטלעכער אויסלענדער" (4).

חוץ דעם „אַרב. פר." האָט ר. ראָקער אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אין די יאָרן 1900—1906 (אין 1902—1903 — אין לידז, וואו ס'האָט עקזיסטירט אין אָנהייב פון 20־סטן יאָרהונדערט אַ ענערגישע יידישע אַנאַרכיסטישע גרופּע, וואָס האָט געדרוקט בראָשורן א. אַז. וו.) אויך אַ צווייוועכנטלעכן יידישן זשורנאַל „זשערמינאַל". דאָרט פלעגן זיך דרוקן, חוץ פּובליציסטישע און טעאָרעטישע אַרטיקלען, אויך ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנדלונגען און זייער פיל איבערזעצונגען פון דער מאָדערנער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, ווי ווערק פון מאַקסים גאָרקי, מולטאַטולי, מעטערלינק, סטרינדבערג, איבסען א. אַנד. אויך ווערק פון די אַנאַרכיסטישע טעאָרעטיקער, ווי סעבאַסטיען פאָר, ברידער רעקליו, קראָפּאָטקין, זשאַן גראַוו א. אַנד. אַ סך פון די וויכטיקסטע איבערזעצונגען, וואָס ראָקער האָט געדרוקט אין „זשערמינאַל" און אין „אַרב. פר.", זיינען שפּעטער דערשינען אין דער פאָרם פון בראָשורן און ביכער.

רודאָלף ראָקער האָט, אַ דאַנק זיין קאָלירפולער, מאַגנעטישער פּערזענלעכקייט און זיין וואַרימער מענטשלעכקייט, גרויסער רעדנער־קראַפט און טרייער איבערגעבנקייט צו די אינטערעסן פון די אָרימע יידישע אַרבעטער,

---

4) בעת ראָקערס אָפּוועזנהייט איז דער „אַרב. פריינד" רעדאַקטירט געוואָרן צוערשט פון ש. לינדער, א. שאַפּיראָ און ס. אַלעקסאַנדראָוויטש, צולעצט בלויז פון ש. לינדער און א. שאַפּיראָ. דער „אַרב. פר." איז אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן אין 1916, ווען אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ, ש. לינדער און מ. לענאָבעל זיינען אַרעסטירט געוואָרן און דער זאַץ (טיפּאָגראַפישע מאַטעריאַל) איז קאָנפיסקירט געוואָרן.

געוואונען אַ דויערנדיקע און טיף־איינגעוואָרצלטע פּאָפּולאַריטעט און ליבע צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין די שטעט פון ענגלאַנד און אַמע־ריקע, וואו ס'לעבן, אין די לעצטע 70—80 יאָר צייט, יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן. זינט 1933 לעבט און אַרבעט (דערהויפּט ליטעראַריש) רודאָלף ראָ־קער אין די פאַראייניקטע שטאַטן (5).

סיי אין לאָנדאָן, סיי אין ניו־יאָרק פלעגט די יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָבן אַ מעכטיקן איינפלוס אויף אַלע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. צענדליקער באַקאַנטע און וויניקער באַוואוסטע אַנאַרכיסטן זיי־נען געווען די גרינדער און בויער פון טרייד־יוניאַנס ווי די יוניאָן פון דאַ־מען־באַקליידונג אַרבעטער: די „אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָר־קערס יוניאָן” און אַנדערע יוניאָנס און פון קאָאָפּעראַטיוון, ווי אויך פון פראַטערנאַלע אָרדנס (אַרבעטער־רינג) און פון בילדונג־פאַראיינען, פון צייט־שריפטן און בוך־פאַרלאַגן אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. אין איר פרעסע זיינען באַהאַנדלט און אויך דערמוטיקט און געשטיצט געוואָרן אָט־די אַלע פאָרמען פון אַרבעטער־אַקטיוויטעט, און פראָלעטאַרישער זעלבסט־באַשטימונג דורך מוטיקער איניציאַטיוו, ענערגיע און אַקטיווער סאָלידאַ־ריטעט און קאָאָפּעראַציע פאַר דער קעגנזייטיקער הילף און אַליין־פאַרפּול־קאָמונג פון דעם יידישן אַרבעטער אין אַ פרעמדער און נישט־פריינטלעכער פאַר אים סביבה. גלייכצייטיק האָט די יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג און איר פרעסע, דערהויפּט אין אַמעריקע, זיך אַרויסגעוויזן אַלס מעכטיקער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון נייע ליטעראַרישע און קונסט־טאַלאַנטן (ספּעציעל אויפן טעאַטער־געביט) אין דער יידיש־ריידנדיקער וועלט, וועל־כע פלעגט, מיט גרויס רעספּעקט און געשפּאַנטן אינטערעס, זיך שטענדיק צוהערן צו ש. יאַנאָווסקיס קול פון זיין באַרימטער טריבונע — די „פרייע אַרבעטער שטימע” מיט זיין שטענדיקער רובריק „אויף דער וואַך”.

די פּיאָנערן פון דער באַוועגונג אין דער יידישער אַמעריקע האָבן יענע ערשטע יאָרן, ביז 1900, אָפּגעלעבט אונטער די שווערסטע באַדינגונ־גען פון דלות און פאַרצווייפלונג. זיי האָבן אָבער געפונען טרייסט, און אַפילו דערמוטיקונג, אין דעם ענטוזיאַסטישן גלויבן אין אַ נייער, אַ בעסע־רער וועלט. געגלויבט האָבן זיי אַלע, אַז אחוץ די שלעכטע און שעדלעכע רעגירונג־אינסטיטוציעס — זיינען די מענטשן אין תוך גענומען גוט און נאָבל.

5) פון ראָקערס פעדער זיינען אין יידיש דערשינען, נאָך אין ענגלאַנד, אַ סך אָריגינעלע און איבערזעצטע בראָשורן. אין בוך־פאָרם זיינען אַרויס זיינע ווערק אויף יידיש אין דער מוסטערהאַפטער איבערזעצונג פון א. פרומקין. זיין מאָנומענטאַל ווערק „נאַציאָנאַליזם און קולטור” איז אַרויס אויף יידיש, אין דער איבערזעצונג פון י. בירנבוים אין בוענאָס איירעס, אַרגענטינע, אין יאָר 1949 (אויספירלעכער — אין דער ביבליאָגראַפיע, צום סוף פון בוך).

אַן איינציקאַרטיקע פּרעסע־טריבונע פון אַ הויכן ליטעראַרישן סטאַנ־דאַרט האָט עקזיסטירט אין ניו־יאָרק, אין די יאָרן 1895—1897 און 1899—1902), פאַר די גייסטיקע וואָרט־פירער פון אַנאַרכיזם ביי יידן און פאַר וואָרט־קינסטלער, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט די פרייהייטלעכע און סאָציאַליסטישע אידייען. דאָס איז געווען די מאַנאַטשריפט „פרייע געזעלשאַפט". אירע רעדאַקטאָרן זיינען געווען מ. לעאָנטיעוו (מאָיסעיעוו) און משה קאַטץ. אירע מיטאַרבעטער זיינען געווען: ד"ר מעריסאָן, ד"ר קאַ־טארינע יעווזעראָוו, יעקב גאָרדין, א. טעלסאָן, א. גינזבורג, א. פרומקין, א. ליעסין, אלכסנדר הארקאווי, י. באָוושאָווער, ד"ר קאספּע א. אנד.

ווי עס ווייזן די פּרעכטיקע זכרונות־ביכער פון אַ סך פון יענע פּיאָ־נערן (ש. יאַנאָווסקי, י. קאָפּעליאָוו, א. פרומקין), איז אין דער ברייטהאַר־ציקייט און מסירת־נפשדיקער פאַרערונג פון זייערע אידעאַלן קיין שום אָרט נישט געווען פאַר פערזענלעכער אומצופרידנקייט מיט די געדריקטע לעבנס־באַדינגונגען פון זייער עקזיסטענץ. וועגן זיי האָט עס געזאָגט (אין שייכות מיט א. פרומקינס מעמואַרן־בוך, „אין פרילינג פון יידישן סאָציאַ־ליזם") דער באַרימטער פאַרשטאָרבענער אַמעריקאַניש־יידישער פילאָזאָף, פּראָפעסאָר מאָריס רפאל קאָהען, אָט־די אויפריכטיקע און שיינע ווערטער:

„זייער ענטוזיאַזם באַליכט יענע ווייטע טעג פון גלאָררייכער פאַרגאַנ־גענהייט מיטן ליכט פון אַ ריינעם אידעאַליזם און פון גרייטווויליקער אַר־בעטס־מי פאַר זייער צווייפאַכן (אַנאַרכיסטישן) אידעאַל, ד. ה. אינדיוווי־דועלע פרייהייט און סאָציאַלע גערעכטיקייט" (6).

דער הויפּט־שטראָם פון אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע ביי יידן אין ענגלאַנד און אַמעריקע איז געווען נאָענט צו דער לערע פון אַנאַרכיזם־קאָ־מוניזם אין גייסט פון פּעטער קראָפּאָטקין (1842—1921) און עליזע רעק־ליו (1830—1905), ווי אויך פון מאַלאַטעסטאַ (1853—1932) און מאַקס נעטלוי (1865—1944). בלויז אַ מינדערהייט צווישן די פירנדיקע יידישע אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע איז געשטאַנען נאָענט צו יאָהאַן מאָסטס אָנזיכטן איבער „דירעקטער אַקציע" און „פּראָפּאַגאַנדע דורך טאַט" (וואָס זיי ביידע זיינען, אגב, אַ פיל העכערער און צוועקמעסיקער טאַקטישער מיטל ווי דער רויער טעראָריזם אָדער געוואַלט־פאַרהערלעכונג, ווי די וואולגאַרע און פאַר־פירערישע קעגנערישע פּראָפּאַגאַנדע שטעלן זיי פאָר. די באַרימטסטע אין אַמעריקע אַקטיווע אַנאַרכיסטן פון זייער צייט (ביז 1919) — עמאַ גאָלד־

---

6) אין אַ רעצענזיע איבער א. פרומקינס בוך „אין פרילינג פון יידישן סאָציאַליזם" (זען אין דער ביבליאָגראַפישער רשימה צום סוף פון בוך), גע־דרוקט אין:
**Jewish Social Studies, New-York, Vol. 3. Apr. 1941 226-227.**

מאַן (1869—1940) און אַלעקסאַנדער בערקמאַן (1873—1936) האָבן אַ גאַנץ קליינעם טייל פון זייער פּראָפּאַגאַנדע געפירט אין יידיש (7). דער הויפּט־רוף זייערער איז געווען געווענדט צו די נישט־יידן נישט ווייניקער, און גיכער מער, ווי צו די יידן. די וואָרט־פירער פון דער יידישער באַוועגונג, ש. יאַנאָווסקי, ד"ר מיכל קאָהן, ד"ר הילל זאָלאָטאַראָוו און ד"ר י. א. מעריסאָן, זיינען אַלע געווען אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון די געוואַלט־מעטאָדן (אַלע דריי דאָקטוירים זיינען, אגב, געווען מעדיקער).

***

פון די ערשטע 1900־ער יאָרן אָן האָט אַ יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג, אַן איבערגעפּלאַנצטע פון ענגלאַנד און אַמעריקע, אָנגעהויבן שלאָגן וואָרצלען צווישן די יידן אין רוסלאַנד און פּוילן. אין גרעסערע שטעט ווי: אָדעס, ביאַליסטאָק, וואַרשע, ווילנע א. אַנד. וואו ס'האָט געלעבט און געליטן אַ גרויסע אָרימע יידישע אַרבעטער־מאַסע, זיינען ווי פון זיך אַליין אַנטשטאַנען אַנאַרכיסטישע גרופּעס און קרייזלעך. זיי האָבן אַפּעלירט צו די אומצופרידענע עלעמענטן אין די רייען פון די אַלטע פּאַרטייען (בונד, פּ. פּ. ס. א. אַנד): מערסטנס יונגע עלעמענטן, וועלכע האָבן געדורשט נאָך אַן אַקטיוו־רעוואָלוציאָנערער־ שטורעמדיקער אַרבעט, פריי פון די צוימען און גרענעצן פון בורזשואַז־ליבעראַלער דעמאָקראַטיע און פּאַרלאַמענטאַריזם. אין עטלעכע שטעט, באַזונדערס אין ביאַליסטאָק, איז די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע, ספּעציעל די מעטאָדע פון „דירעקטן קאַמף", ד. ה. טעראָר, געפאַלן דווקא אויף אַ גוטן, גרייטן באָדן. פון פריער האָט מען דאָרט, נעמלעך, פּראַקטיצירט, בעת די סכסוכים פון די יידישע אַרבעטער און באַלעבאַטים (בעלי־מלאכות און פאַבריקאַנטן) די מעטאָדן פון עקאָנאָמיש־רעוואָלוציאָנערן טעראָר, ספּעציעל ביי די לוין און אַנדערע סכסוכים און שטרייקן פון די וועבערס קעגן די קליינע טעקסטיל־באַלעבאַטים (לוינקעטניקעס) אד"גל. טאָ האָט די שטאָט ביאַליסטאָק טאַקע געשפּילט

7) עמאַ גאָלדמאַן איז געווען אפשר די אינטערעסאַנטסטע, ראָמאַנטישסטע און איינפלוסרייכסטע פיגור אין דער אַמעריקאַנער אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער ערשטער העלפט פון 20־סטן י"ה. נאָר אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון איר טעטיקייט (1889—1894) איז זי געשטאַנען נאָענט צו די ריין יידישע אַנאַרכיסטישע קרייזן (ווי זי דערציילט אין איר אויטאָביאָגראַפיע: „ליווינג מאַי לאיף"). אויך צום סאַמע סוף פון איר שטורמישער אַנאַרכיסטישער קאַריערע, אין די לעצטע פאָר יאָר פאַר איר טויט, האָט זי געלעבט אין דער אינטימער סביבה פון די יידישע חברים און זייער גרופּע „פרייע געזעלשאַפט", אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, וואו זי איז געשטאָרבן אָנהויב מאַי 1940. באַערדיקט איז זי געוואָרן אין שיקאַגאָ, אין שאָטן פון דעם פּרעכטיקן אַנאַרכיסטישן מאָנומענט פון די שיקאַגער מאַרטירער.

אַ גאַר פּראָמינענטע ראָל אין דער ערשטער סטאַדיע (1903—1905) פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג צווישן די יידן אין רוסלאַנד. אַריינפירנדיק, אויפן אונטערערדישן וועג, יידישע אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור פון לאָנדאָן און שווייץ, איז נישט שווער געווען פאַר די ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון אַנאַרכיזם־קאָמוניזם אין ביאַליסטאָק, וואַרשע, אָדעס און אַנדערע שטעט צו באַשאַפן גרויסע און קליינע נעסטן פון אַנאַרכיזם אין די גרעסערע שטעט און אין די אַרומיקע שטעטלעך. זייער אַרבעט איז געפירט געוואָרן דורך מאַסן־מיטינגען און דיסקוסיעס מיט אַנדערע פּאַרטייען און ריכטונגען, דורך ליטעראַטור (פּאָקלאַמאַציעס, בראָשורן, ביכער), דורך שטרייקן און גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, און טעראָריסטישע אַקטן קעגן די דינער פון דער צאַרישער אויטאָקראַטיע — אַן אַקציע, וואָס איז מערסטנס אויסגעפירט געוואָרן אינאיינעם מיט דער גרופּע מאַקסימאַליסטן (לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן), דורך באַטייליקונג אין אָרגאַניזירונג פון זעלבסטשוץ ביי פּאָגראָמען אויף יידן א. ד. גל. בעת די שטורמישע רעוואָלוציאָנערע און נאָך־רעוואָלוציאָנערע יאָרן (1903—1907).

די רוסיש־יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז נאָך פיל מער געווען צעריסן און צעשפּאָלטן אויף פראַקציעס ווי די באַוועגונג ביי יידן אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער. עס זיינען אין רוסלאַנד געווען מעסיקערע און עקסטרעמע יידיש־אַנאַרכיסטישע (אַלס אַ טייל פון אַלגעמיין־רוסלענדישע ריכטונגען) פראַקציעס. צו די ערשטע האָבן געהערט די „דעמאָקראַטן־פעדעראַליסטן" ח. קראָפּאָטקינס געטרייסטע חסידים, ווי אויך „אַנאַרכאָ־קאָמוניסטן", אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן" און אַנד., און צו די עקסטרעמיסטן — די „טשערנאָזנאַמעצעס" (שוואַרצע פאָן־לייט) מיט זייער טאַקטישן עקסטרעם־מיטל פון „מאָטיוולאָזן טעראָר"; די גרופּע „קאָמונאַרן" און אפילו אַ גרופּע „בעזנאַטשאַליע" (אויטאָריטעטלאָזיקייט) א. א. די אַלגעמיינע רוסישע אַנאַרכיסטישע פּרעסע, געדרוקט אונטערערדיש אין רוסלאַנד גופא און אין זשענעווע, פּאַריז א. אז. וו. פלעגט פון צייט צו צייט דרוקן אַרטיקלען פון פירנדיקע רוסישע אַנאַרכיסטן, וואָס זיינען געווען יידן, ווי יודא גראָסמאַן (ראָשטשין), טאַראַטוטא א. אַנד. אין אַלגעמיין האָבן אָבער די יידן אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג זיך געהאַלטן פאַר „יידיש־שפּרעכנדיקע רוסישע אַנאַרכיסטן" (ווי עס שטייט אין קאָפּ פון אַ זשורנאַל אין יידיש „אַנאַרכיע", וואָס האָט זיך געדרוקט, ווייזט אויס אין דער שווייץ, און איז דערשינען אין יאָר 1908.

אונטער די דעמאָלטיקע אומשטענדן פון צאַריזם, מיט זיין צענזור און אַלערליי רעפּרעסיעס קעגן פרייען וואָרט, איז נישט לייכט צו דערגיין פון די געדרוקטע אויסגאַבן אין וואָס די צילן און די טאַקטיק פון די וויכטיקסטע שטרעמונגען און גרופּעס ביי די יידן־אַנאַרכיסטן אין רוסלאַנד זיינען באַשטאַנען. איז טאַקע צום באַדויערן, נישט באַוואוסט אויף וויפיל

די אַנאַרכיסטישע טעאָריע און אירע אויסטייטשער זיינען געווען פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די אָפט פּרינציפּלאָזע און נישט־באַרעכנטיקטע אַקטן פון עקספּראָפּריאַציע און טעראָר, ווי זיי זיינען אין דער שטורמדיקער רעוואָלוציע־צייט באַנוצט געוואָרן, און נישט בלויז פון אַנאַרכיסטן אַליין, קעגן מיטל־קלאַס־מענטשן, ווי קרעמער, פאַבריקאַנטן, א. אַנד., אין אַ סך רוסישע שטעט מיט אַ גרעסערער יידישער באַפעלקערונג.

כמעט אַלע רעוואָלוציאָנער־אַקטיווע יידישע און נישט־יידישע אַנאַרכיסטן פון יענער צייט (1903—1908) אין רוסלאַנד האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס פאַר זייער געוואַגטן און זעלבסט־אָפּפערישן קאַמף קעגן דער אַלטער סאָציאַלער און פּאָליטישער סיסטעם. אין דער געשיכטע פון סטיכישן, כמעט אינסטינקטיוו־עמאָציאָנעלן, פאַרביסענעם און פאַרביטערטן קאַמף פון די רעוואָלוציאָנערע יידן אין רוסלאַנד קעגן צאַריזם און קאַפּיטאַליזם, האָבן די יידישע אַנאַרכיסטן אַריינגעשריבן נישט וויניק שפּאַנענדיק־דראַמאַטישע קאַפּיטלען. דאָס איז אין גרונט געווען אַ פאַרצווייפלונגס־קאַמף פון די זין און טעכטער פון דער אָרימער, עקספּלואַטירטער יידישער פאָלקס־מאַסע וואָס האָבן מיט אַ ביישפּיללאָזן ברען זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציע. אָבער אין גרונט גענומען איז עס גיכער געווען אַ האַלב־באַוואוסטזיניקער נקמה־רעוואָלט פון דעם מוטיק־שרעקלאָזן אַוואַנגאַרד פון אַ גאַנצן רעוואָלוציאָנערן דור קעגן דעם פאַרהאַסטן טאָפּלטן יאָך: פון דעם מלוכה־דעספּאָטיזם און פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אומגערעכטיקייט. ווי באַוואוסט, האָט דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק דעם ערשטן אָנגריף אויפן אַלטן רוסישן סדר טראַגיש פאַרלאָרן (8).

אַן אויסערגעוויינלעכע אכזריות און בלוטדורשטיקייט איז אַרויסגעוויזן געוואָרן פון דער צאַרישער מאַכט אין באַצוג צו די אַנאַרכיסטן פון מערב־רוסלאַנד און פוילן, וואו דער גרעסטער טייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון יידן (און די אַנאַרכיסטן־טעראָריסטן זיינען, ווי שוין געזאָגט, דערהויפּט געווען קינדער פון די אָרימסטע און סאָציאַל־אונטערדריקטע, פאַרשטויסענע שטאָטישע שיכטן, באַזונדערס אין די אינדוסטריעלע שטעט און שטעטלעך, ווי ביאַליסטאָק, גראָדנע, קרינקי און אַנד.), מ׳האָט זיי אין די פּאָליציי־ און זשאַנדאַרמעריי־ביוראָס געפּייניקט און איבער זיי זיך איזדיעקעוועט; מ׳האָט זיי געשטעלט פאַר פעלד־געריכטן אין די רעאַקציע־יאָרן 1906—1907, און אָפט אָן יעדן געריכט „פאַרמשפּט"

---

8) שפּליטער און „שפּענער" פון דער יידיש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד האָבן זיך דעמאָלט דערטראָגן, צוזאַמען מיט אַנדערע שטראָמען אין דער „צווייטער עליה" (1904—1908) קיין פּאַלעסטינע, ספּעציעל נאָכן גרויסן רוסישן רעוואָלוציאָנערן שטורם פון 1905—1907 (זען דאָס אַרטיקל פון מנשה אונגער: „אַמאָליקע אַנאַרכיסטן אין פּאַלעסטינע", „פר. אַרב. שט.", 29־טער אויגוסט 1930).

צום טויט דורך דערשיסן אָדער הענגען. מיט זיינע רציחות האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט, אין 1905—1906, דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן. אומגעהייערע טאָרטורן האָבן דורכגעמאַכט צענדליקער אַנאַרכיסטן, אין 1905—1906, אין וואַרשעווער ציטאַדעל, אַ סך פון וועלכע זיינען נאָך דער עקזעקוציע (און ווען די טויטע קערפּערס זיינען געמאַכט געוואָרן אומדערקענבאַר) אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין טייך ווייכסל. די כמעט אָפענע כוונה איז געווען צו פּראָוואָצירן די איבערגעבליבענע חברים, פול מיט נקמה־געפילן און אַנטריסטונג, צו נייע אַקטן פון טעראָר קעגן די בלוט־דורשטיקע סאַדיסטישע מאַכט־האָבערס.

פון דער צווייטער זייט האָבן אומצייליקע יונגע יידישע אַנאַרכיסטן, אַריינפאַלענדיק אין די הענט פון די צאַריסטישע רוצחים, אין אָנגעזיכט פון טויט, אַרויסגעוויזן אַן אומגעהייערע גבורה און אומדערשראָקנקייט. נישט וויניק זיינען געגאַנגען צו דער תליה מיט עקסטאַטישע אויסרופן: „זאָל לעבן די אַנאַרכיע", „טויט די טיראַנען" א. ד. גל. פּאַסירט האָט אויך אַז אין לעצטן מאָמענט פאַרן דערשיסן האָבן יידישע אַנאַרכיסטן ווי צ. ב. יצחק בלעכער פון ביאַליסטאָק, געהאַלטן פאַר די סאָלדאַטן, מיט אָנגעשטעלטע ביקסן צום דערשיסן, פייערדיקע רעדעס, און געשאָסן האָט מען ערשט נאָך אַ צווייטער קאָמאַנדע. מיט מוטיקע, האַרבע און אַרויסרופנדיקע ווערטער האָבן די קרבנות פון פּאָליצייאיש־צאַרישן רעזשים פון טעראָר און אינקוויזיציע זיך געווענדט אָפט צו די העכסטע שררות, מיליטער־לייט און אנד., ווען יענע פלעגן קומען צו די קרבנות אין טורמע און זיי זוכן איינצורעדן, אַז זיי זאָלן ווערן שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן, כדי זיך צו קענען ראַטעווען פון טויט (9). נאָך אַנדערע יידישע אַנאַרכיסטן ווי משה טאָקער פון ווילנע, נישט וועלנדיק זיך איבערגעבן אין די הענט פון די תלינים פאַר דער לעצטער עקזעקוציע, האָבן זיך גענומען דאָס לעבן, ווי צ. ב. זיך אונטערצינדן לעבעדיקערהייט אויף דעם בעטל אין דער טורמע־קאַמער און פלעגן פאַרברענט ווערן אויף טויט.

אויך אין די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון 1917 אין רוסלאַנד, בעת דעם צווייטן רעוואָלט קעגן צאַריזם און קאַפּיטאַליזם, האָבן די יידישע אַנאַרכיסטן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, און די אַנאַרכיסטן אין רוסלאַנד, יידן ווי נישט־יידן, האָבן אָנגענומען אַן אויס־

9) אַזוי ווי אין יעדער קאָנספּיראַטיווער און טעראָריסטיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואו דער היילוקסטער עקסטאַז גייט אָפט האַנט אין האַנט מיט געמיינסטן פאַרראַט, שפּיאָנאַזש און פּראָוואָקאַציע, האָבן אויך אין דער רעוואָלוציאָנער־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פון 1903—1906 אין רוסלאַנד זיך אַריינגעכאַפּט קאָרופּטע און פּראָוואָקאַטאָרישע עלעמענטן, וואָס האָבן סוף כל סוף נישט נאָר אונטערגעגראָבן די באַוועגונג אין איר אַלטער פאָרם, נאָר האָבן אויך, אַזוי צו זאָגן, זי פון אינעווייניק אויפגעריסן און אפילו דיסקרעדיטירט פאַר אַ לאַנגער צייט.

געשפּראָכן פיינטלעכע פּאָזיציע צום רעזשים פון דיקטאַטור אונטער דער רויטער פאָן פון שטאַט־קאָמוניזם.

נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל פון די אַלטע אַנאַרכיסטישע טוער איז אַריבער אין לאַגער פון די אַזוי־גערופענע „אַנאַרכאָ־באָלשעוויקעס”, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען מאַנכע יידן, ווי אַלעקסאַנדראָוויטש, נאָ־וואָמירסקי, סאַנדאָמירסקי, ראָשטשין (יודא גראָסמאַן) און אַנד. אַ געוועזענער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסט (וואָס האָט לאַנג געלעבט אין אַמעריקע שאַ־טאָוו — נישט קיין ייד) איז אפילו געווען דער הויפּט־אויסהעלפער פון די באָלשעוויקעס אין זייער קאַמף קעגן די אַנאַרכיסטן. אָבער דער גרעסטער טייל פון דער רוסישער באַוועגונג, און פון די יידן אין איר, זיינען געבליבן געטריי די אידעאַלן פון שטאַטלאָזיקייט און פון אַ גאַזעלשאַפט אָן עקספּלו־אַטאַציע און אָן צוואַנג. במילא, האָט די גרויזאַמע האַנט פון דער באָלשע־וויסטישער טיראַניי דערלאַנגט פאַטאַלע קלעפּ איבער די קעפּ פון די פירנ־דיקע אַנאַרכיסטישע וואָרט־זאָגער, און צווישן זיי זיינען געווען נישט ווי־ניק יידן. אַ היפּשע צאָל פון זיי, ווי וואָלין, אבא גאָרדין, אַלעקסאַנדער שאַ־פּירא, מארק מראַטשני, באָרים יעלענסקי, ג. א. גאָרעליק, א. פעלדמאַן און אַנד. זיינען אָדער אַנטלאָפן אָדער דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אויסלאַנד (אין יאָר 1922), און די פאַרבליבענע אין ראַטן־רוסלאַנד זיינען אָדער „ליקווי־דירט” געוואָרן, אָדער פאַרשיקט געוואָרן אין די „לאַגערן” און דאָרט גע־שטאָרבן פאַר דער צייט, אָדער פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט דורך הונ־גער, מגפות, זעלבסטמאָרד א. אז. וו.

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם אַנאַרכיזם אין דעם נייעם רוסלאַנד האָט צו טאָן מיט דער מאַכנאָ־באַוועגונג אין אוקראַינע אין 1918—1921. גאַנץ נאָענט צו אָט־דער באַוועגונג אין איר אויפבלי־צייט איז געשטאַנען דער אַנאַרכיסטן־פירער וואָלין (1882—1945), וואָס איז גע־ווען פון יידישער אָפּשטאַמונג. וסעוואָלאָד מיכאַילאָוויטש וואָלין (אייכענ־בוים), אַן אייניקל פון באַרימטן משכיל און העברעאישן שרייבער אין צאַ־רישן רוסלאַנד, יעקב אייכענבוים (1796—1861), און, פריער אַ סאָציאַ־ליסט־רעוואָלוציאָנער, איז וואָלין מיט דער צייט געוואָרן דער הויפּט־וואָרט־פירער פון די אַנאַרכיסטן אין רוסלאַנד. וואָלין האָט ביז דער צווייטער רו־סישער רעוואָלוציע (אין 1917—1918) געלעבט לאַנג אין פראַנקרייך און אַמעריקע. אין 1918 האָט ער זיך פאַרבונדן מיט עטלעכע חברים אין דער אוקראַינע (יוסף גוטמאַן, אַראָן באַראָן א. אַנד.) — אַלס גרינדער פון דער אוקראַינישער אַנאַרכיסטישער קאָנפעדעראַציע „נאַבאַט”. די פּרינציפּן־דער־קלערונג אירע האָט אָנגעשריבן וואָלין, און דאָס איז געווען אַ מין סינטעז צווישן דעם פראַנצויזישן אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם און דעם אַנאַרכיזם־קאָמו־ניזם פון דער באַקאַנטער קראָפּאָטקינישער ריכטונג. וואָלין האָט רעדאַק־טירט דעם הויפּט־אָרגאַן פון דער „נאַבאַט”־קאָנפעדעראַציע, פריער אין

יעליסאַוועטגראַד, דערנאָך אין כאַרקאָוו (1919—1920). וואָלינס ראָלע און פּרעסטיזש צווישן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן זיינען געווען אַ גאָר גרויסע. אין 1920 ווערט וואָלין באַפרייַנדעט מיט מאַכנאָ, דעם פירער פון דער אַנאַרכיסטיש־געשטימטער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג. ער, וואָלין, צוזאַמען מיט אַרשינאָוו, ווערן די „בילדונגס־ און פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסאַרן" אינם מאַכנאָ־רעזשים, וואָס האָט געלעבט אַ קורצע צייט.

די באָלשעוויקעס, מיט טראָצקין אין דער שפּיץ, האָבן דורך אָפענעם מיליטערישן קאַמף און דעמאַגאָגיש־יעזואיטישע מעטאָדן דערשטיקט די מאַכנאָ־באַוועגונג. מאַכנאָ און וואָלין זיינען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. וואָ־לין איז געשטאָרבן אין פּאַריז דעם 18־טן סעפּטעמבער 1945. עטלעכע יאָר נאָך זיין טויט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך זיין מאָנומענטאַל ווערק „די אומבאַקאַנטע רעוואָלוציע", וואָס גיט אַ פולן, אָלזייטיקן בילד פון דער טיף־אינטערעסאַנטער מאַכנאָ־באַוועגונג, און אויך פון קראַנקשטאַטער אויפשטאַנד. די אַנטיסעמיטישע בלבולים אויף נ. מאַכנאָ (1887—1934) האָט מען נאָך ביי זיין לעבן אָפּגעפרעגט און אָפּגעשלאָגן.

*

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה (נאָך גאָר אין אָנהויב פון 20־סטן י"ה), איז אין אַרגענטינע אַנטשטאַנען אַ זייער אָנזעעוודיקע און דינאַמישע יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג. פאַר אַ קורצער צייט, אין 1907—1908, האָט די טעגלעכע אַנאַרכיסטישע צייטונג אין בוענאָס איירעס, „לאַ פּראָ־טעסטאַ", געדרוקט אַ ביילאַגע אין יידיש. אַ דראַמאַטישע פּאַסירונג האָט כמעט פּלוצלינג איבערגעריסן דעם כסדר וואַקסנדיקן וואוקס פון דער באַ־וועגונג. אין 1909, דעם 1־טן מאַי, האָבן די אַנאַרכיסטן דורכגעפירט אין בוענאָס־איירעס אַ גרויסע גאַסן־דעמאָנסטראַציע אויף „אַווענידאַ דע מאַיאָ". האָט דער פּאָליציי־שעף, פאַלקאָן, אַרויסגעשיקט זיינע מערדערישע „קאָ־זאַקן" קעגן די דעמאָנסטראַנטן און זיי האָבן דערשאָסן אויפן אָרט אַ גרוי־סע צאָל אומשולדיקע חברים און פאַרוואונדעט הונדערטער אַנדערע. אַלס אַן אויסדרוק פון נקמה האָט אַ חבר, שמעון ראַדאָוויצקי, באַגאַנגען אַן אַקט קעגן פאַלקאָנען, אין הערבסט 1909. דאָס האָט געפירט צו שאַרפע רעפּרע־סיעס און רדיפות אויף דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג בכלל און אויף דער יידישער גאָר ספּעציעל. שמעון ראַדאָוויצקי איז דערפאַר פאַרמשפּט גע־וואָרן צו קאַטאָרגע און אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף „פייער־אינדזל" — איינער פון די ערגסטע שטראָף־פּלעצער אין דער גאָרער וועלט, וואו ער האָט זיך אָפּגעמאַטערט 20 יאָר צייט (איצט לעבט ער אין מעקסיקאָ).

די יידישע באַוועגונג האָט אָבער אין זיד־אַמעריקע געפונען פאַר זיך אַ פּיל בעסערן גייסטיקן קלימאַט, אַ גינסטיקערע „קולטורעלע אַטמאָספע־

רע", ווי אין נאָרד־אַמעריקע (אַדאַנק דער נייגונג פון די שפּאַניש־רעדנדיקע פעלקער צו דער גערעכטיקײט־וועלט פון פרייהייטלעכן, הערשאַפטלאָזן סאָציאַ־ליזם אויפן יסוד פון אינדיווידועלער חשיבות און ווירדע פון מענטשלעכער פּערזענלעכקייט). די שטאַרקע אַנאַרכיסטישע און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטי־שע באַוועגונג אין אַרגענטינע און אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער איז טאַקע געווען בכוח בייצושטיין אַלע מלוכה־רדיפות און טעראָר־גזירות פון אַלערליי דיקטאַטאָרן, וואָס אַנטשטייען אַזוי אָפט אין זיד־אַמעריקע. און במילא איז אויך די יידישע גרופּע בכוח געווען צו לעבן לאַנג און אויפהאַלטן איר פּרעסטיזש און איינפלוס אין דער יידישער אַרבעטער־וועלט.

נאָך דער מלחמה פון 1914—1918 האָט מען געגרינדעט עטלעכע אָרגאַנען פון דער יידיש־אַנאַרכיסטישער פּרעסע אין אַרגענטינע. ביז די צייטן פון די איצטיקע רעפּרעסיעס פלעגט דאָרט דערשיינען עטלעכע יאָר צייט (ביז 1947) אַן אַנאַרכיסטישע מאָנאַט־שריפט „דאָס פרייע וואָרט", אין די לעצטע פּאָר יאָר פלעגט אַרויסגיין אַ מאָנאַט־שריפט „די וועלט". אויך האָבן דאָרט די חברים, אין די לעצטע יאָרן אַרויסגעלאָזן אין יידיש עטלעכע אָריגינעלע און איבערזעצטע וואָגיקע ווערק, ווי דאָס בוך „אַרויס־געוואָרפענע רייד" פון יונה גאָראַדיסקי, „נאַציאָנאַליזם און קולטור", פון רודאָלף ראָקער, אַ גרויסן קראָפּאָטקין זאַמלבוך, „י. ל. פּרץ" פון א. ס. זאַקוסקי א. אַנד.

❦

אויך אין פראַנקרייך האָט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג ביי יידן אַ גאַנץ לאַנגע געשיכטע.

אינם גרעסטן און עלטסטן צענטער פון יידישע אַרבעטער אין מערב־אייראָפּע נאָך לאָנדאָן — פּאַריז, האָבן יידישע אַנאַרכיסטן אַגיטירט פאַר זייערע אידייען נאָך אין די 1880־ער יאָרן און אָנהייב די 90־ער. דער ער־שטער רעדאַקטאָר פון לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד", פיליפּ קראַנץ (1858־1922), איז אין 1883 איינגעלאַדן געוואָרן קיין לאָנדאָן פון פּאַריז, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט די ערשטע סאָציאַליסטישע קרייזלעך פון רוסיש־יידישע אימיגראַנטן, דער הויפּט — שטודירנדיקער יוגנט און אַרבעטער. מען האָט פלייסיק פאַרשפּרייט דעם „אַרב. פר." פון נאָענטן לאָנדאָן (אויך אַ באַזונדערע פּאַריזער גרופּע האָט געטראָגן דעם נאָמען „אַרב. פר.") און אַנדערע אַנאַרכיסטישע אויסגאַבעס, ווי די ניו־יאָרקער „פר. אַרב. שט.". ראָקער, געהאַלטן לעקציעס אין פּאַריז. ר. ראָקער איז צום ערשטן מאָל אָנ־געקומען (פון דייטשלאַנד איבער בעלגיע) קיין פּאַריז אין יאָר 1891 און דאָרט געמאַכט זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט יידישע אַרבעטער בכלל און

מיט אַ גרופּע אַנאַרכיסטן־יידן בפרט (זען זיינע זכרונות אין ראָקער 70־יאָ־ריקן נומער „פר. ארב. שט.” פון 31־טן מערץ, 1944).

אין 1898, בעת דער דרייפוס־אַפערע, האָט אַ גרופּע „יידישע סאָציאַ־ליסטן אין פּאַריז” אָפּגעדרוקט אַ בראָשור: „אַן אָפענער בריוו פון יידישע אַרבעטער אין פּאַריז צו דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי”. דאָרט ווערן געמאַכט פאָרוואורפן די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן פאַר זייע־רע שוואַכקייטן און פאַרזעענס אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם*). אין סעפּ־טעמבער 1900 איז אויפן אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז געהאַלטן געוואָרן אַ רעדע איבער „ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם”, וואָס איז גלייך דערשינען אויך אין אַ בראָשור־פאָרם.

די ערשטע גרופּעס פון „יידיש־רײדנדיקע אַנאַרכיסטן” אין פּאַריז האָבן געפירט אַ דרייפאַכיקע אַרבעט: 1) פּראָפּאַגאַנדירן דעם אַנאַרכיס־טיש־קאָמוניסטישן אידעאַל; 2) פירן קולטור־טעטיקייט (לעקציעס, דיס־קוסיעס, אַרבעטער־ביבליאָטעק); 3) שאַפן עקאָנאָמישע אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס, טרייד־יוניאָנס). אין די שוויצשעפּער האָבן געאַרבעט אַ סך איינ־געוואַנדערטע פון מזרח־אייראָפּע יידן, אין די ספּעציפיש־יידישע פאַכן, ווי שניידעריי, היטל־מאַכעריי, לעדערווארג־פאַכן, מעבל א. ד. גל.

מיטן אויפקום פון פראַנצויזישן רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם, נאָך 1900, האָט זיך זיין השפעה שטאַרק פאַרשפּרייט אויף דער פראַנצויזיש־יידישער גאַס. אין 1908—1910 האָט פּאַריז געהאַט אַ „פעדעראַציע פון יידיש־רײדנדיקע אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן”. אין פּאַריז, פּונקט ווי אין לאָנ־דאָן, זיינען יידן־אַנאַרכיסטן געווען די ערשטע בויער און פּיאָנערן פון דער געזעלשאַפטלעכער און ראַדיקאַלער אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן. זיי האָבן מיט זייער פּרעסע, זייערע טרייד־יוניאָנס, קלובן און קול־טור־אַרבעטן, אַקטיוויזירט די לעבעדיקסטע עלעמענטן פון די אָרטיקע יידי־שע ישובים.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט איבערגעריסן די אַרבעט פון די פּאַ־ריזער גרופּן. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זיינען אַ סך חברים פון פּאַ־ריז און לאָנדאָן אוועק קיין רוסלאַנד. נישט ווייניק פון די אָפּגעפאָרענע אַהין האָבן, ביטער אַנטוישטע, זיך אומגעקערט קיין מערב־אייראָפּע, און די פון זיי, פאַר וועמען ענגלאַנד איז שוין געווען פאַרשלאָסן (מחמת די אָנגע־צויגענע באַציאונגען פון בריטאַניע מיט סאָוועט־רוסלאַנד), האָבן זייער נייע היים געמאַכט אין פּאַריז. אין 1924 ווערט אין פּאַריז געשאַפן אַ

*) לעגאַלע אורזאַכן האָבן געצוואונגען די אַרויסגעבער (די אַנאַרכיסטישע גרופּע) זיך צו פאַרדעקן מיט אַ „נייטראַלן” נאָמען — „גרופּע יידישע סאָציאַ־ליסטן”. ס'איז געווען די צייט פון האַרבע אַנטי־אַנאַרכיסטן גזירות נאָך די באַ־וואוסטע טעראָר־אַקטן פון די 1890־ער יאָרן.

יוגנט־גרופּע „פֿרייע סאָציאַליסטן״, און אין 1926—1927 ווערט דאָרט באַנייט פֿאַר אַ קורצער צייט דער אַנאַרכיסטישער מאָנאַטלעכער זשורנאַל „אַרבעטער פֿריינד״ **).

אין די יאָרן פֿון נאָך דער ערשטער ביזן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך צווישן די יידישע חברים אין פראַנקרייך פריינטלעך איינגעלעבט די באַרימטע אַנאַרכיסטישע און פּאָליטישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, ווי וואָלין, מאַכנאָ א. אַנד. עס זיינען אויך אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די יידישע חברים געשטאַנען די פירער פון דער רוסישער אַנאַרכיסטישער אינטעליגענציע, וואָס האָבן שוין פון לאַנג געלעבט אָדער שפּעטער זיך באַזעצט אין פּאַריז, ווי מאַריאַ איסידאָראָוואַ גאָלדסמיט (מ. קאָרן), אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ א. אַנד. אַן אַקטיוון אָנטייל האָט דורך פילע יאָרן גענומען אין דער פּאַריזער גרופּע דער יידישער קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון אוקראַינע און באַשטראָפער פון בלוטיקן אכזר, פּעטלוראַ, — שלום שוואַרצבאַרד (1887—1938).

אין 1934 ווערט אָפּגעדרוקט אין פּאַריז אַ האַלב־לעגאַלע שריפט אין יידיש: „דער מאַרקסיסטישער צוזאַמענברוך״ פון א. ס. (אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ), אַרויסגעלאָזן פון פאַרלאַג „רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַליסטן״. עטלעכע שריפטן זיינען דערשינען ספּעציעל וועגן דעם שפּאַנישן בירגער־קריג, וועלכער האָט די פּאַריזער חברים שטאַרק אויפגערודערט, און אַ טייל פון זיי זיינען געווען פון די ערשטע וואָלאָנטערן און איינצושטעלן זייערע לעבנס פאַר דער באַפרייאונג פון שפּאַנישן פאָלק. דעם גרעסטן טייל צייט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט אין פּאַריז געאַרבעט אַ „יידישע גרופּע״. עטלעכע חברים האָבן צום סוף זיך אָפּגעריסן פון אָט־דער גרופּע און אין 1938 געגרינדעט אַן אייגענע צייט־שריפט אין יידיש „פרייע טריבונע״. אין 1939 איז אַנשטאָט איר אויפגע־קומען די „פרייע יידישע טריבונע״, פון וועלכער בלויז איין נומער האָט באַוויזן צו דערשיינען, אונטער דער רעדאַקציע פון א. בזשעזשינסקי (געשט. 1941). אין די 1920־ער און 1930־ער יאָרן האָבן די פּאַריזער יידישע חברים געהערט נישט איינמאָל ריידן עמאַ גאָלדמאַן און אַלעק־

**) דער לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד״ האָט זיך אָפּגעשטעלט אין 1922. זיין לעצטער רעדאַקטאָר איז געווען ד״ר י. מ. זאַלקינד (1925—1938), וואָס האָט אין זיינע לעצטע יאָרן זיך באַשעפטיקט מיט צוגרייטן אַ פולע איבערזעצונג פון „תלמוד בבלי״ אויף יידיש. נאָר אַ קליינער טייל פון זיין איבערזעצונג איז גע־וואָרן געדרוקט. ספּאָראַדישע פאַרזוכן אין לאָנדאָן צו באַנייען די אַלטע, גוט־באַ־קאַנטע אין דער גאָרער יידישער אַרבעטער־וועלט וואָכנצייטונג „אַרבעטער פריינד״ זיינען אין לאָנדאָן אפילו יאָ געמאַכט געוואָרן נאָך 1930, אָבער קיין ממשותדיקן רעזולטאַט האָבן זיי ליידער נישט געהאַט.

סאַנדער בערקמאַן און אַנדערע פּראָמינענטע פיגורן פון דער אינטערנאַ־
ציאָנאַלער אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער מלחמה־חורבן פון די 1940־ער יאָרן האָט מוראדיק אָפּגעשוואַכט
די פּאַריזער גרופּע. איבער 30 פון אירע אַקטיווע טוער זיינען פאַרשיקט
געוואָרן אין די נאַצישע טויט־לאַגערן, און בלויז עטלעכע געציילטע זיינען
געקומען לעבעדיק צוריק קיין פּאַריז. אין 1949 האָט דער געוועזענער
„פר. אַרב. שט.“־רעדאַקטאָר יוסף קאַהאַן געלעבט עטלעכע חדשים צייט
אין פּאַריז און אַריינגעטראָגן אַ באַלעבונג אין דער דאָרטיקער גרופּע.

אין דער איצטיקער צייט, סוף 1950, זיינען די פרייהייטלעך־יידישע
סאָציאַליסטן אין פּאַריז טעטיק אויף פאַרשידענע געביטן. אַ גרופּע האָט
זיך אָנגעשלאָסן אינם פּאַריזער „אַרבעטער רינג“ אַלס אַ „רודאָלף ראָקער
צווייג“. מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער חברים און פריינט איז געשאַפן
געוואָרן אַ שניידער־קאָאָפּעראַטיוו, וואָס ווירקט שוין אַ פּאָר יאָר צייט. זינט
יולי 1949 דערשיינט אין פּאַריז אַ מאָנאַטשריפט אין יידיש — „דער פרייער
געדאַנק“ — אַ „צייטשריפט פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, געווידמעט דעם
סאַמף פאַר פרייהייט אויף אַלע געביטן פון לעבן און דענקען“. סוף 1950
איז געגרינדעט געוואָרן אַ „פר. אַרב. שט.־גרופּע“, כדי צו פירן אויף אַ
ברייטן פאַרנעם אַ פרייהייטלעכע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער יידישער באַ־
פעלקערונג — אין גייסט און אויף די וועגן, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן
פון דער ניו־יאָרקער „פרייער אַרבעטער שטימע“.

*

אין פּוילן, ווי ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, איז די אַנאַר־
כיסטישע באַוועגונג אויפגעקומען נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה
(1914—1918). חוץ דעם קאַמף קעגן דער צאַרישער מאַכט האָט די באַווע־
גונג געשטרעבט, איבערהויפּט אין די אַרבעטער־צענטרען, צו העלפן אויפ־
בויען די ערשטע אַנטשטייענדיקע (אין אָנהייב פון 20־סטן י״ה) טרייד־
יוניאָנס („געווערקשאַפטן“ אָדער „סינדיקאַטן“).

די אַנטשטייאונג פונם נייעם, אומאָפּהענגיקן פּוילן, אין 1919, האָט
לחלוטין נישט געביטן די רעכטלעכע לאַגע פון דער אַנאַרכיסטישער באַ־
וועגונג. פאַר די נייע הערשער איז זי געווען פּונקט אַזוי טריף און געפער־
לעך ווי פאַר די אַלטע. די באַוועגונג איז אַריינגעטריבן געוואָרן אין אונ־
טערערד. פאַר זייער טעטיקייט באַצאָלן אַ סך חברים מיט לאַנגע יאָרן אין
די תפיסות. דאָס האָט פּאַסירט אין קראָקע, לאָדזש א. אַנד. אין וואַרשע
זיינען פאָרגעקומען מאַסן־אַרעסטן. נישט געקוקט אויף די אַכזרישע פּאָ־
ליציי־רדיפות, האָט די באַוועגונג זיך גוט אַנטוויקלט און איז כסדר גע־
וואַקסן. זי האָט אַרומגענומען אַ גרעסערן קרייז און מערערע גרופּן, דער

הויפּט פון יידישע יוגנטלעכע און אויך דערוואַקסענע, ווי אין וואַרשע, לאָדזש, פּשעמישל, קראָקע, טאַרנאָוו, לעמבערג און לובלין. גרופּן זיינען אויפגעקומען אין שטעט, וואו זיי זיינען פריער, אין צאַרישע צייטן, לחלו־טין נישט געווען. ארום 80 % פון די אָנגעשלאָסענע חברים זיינען געווען יידן. אָבער אין וואַרשע, ווי אויך אין שלעזישן קוילן־געביט א. אַז. וו., זיי־נען געווען טעטיק אויך ריין־פּוילישע אַנאַרכיסטישע און אַנאַרכאָ־סינדי־קאַליסטישע גרופּן.

פּראָפּאַגאַנדע איז געפירט געוואָרן אין פּויליש און יידיש. די א. פּ. פ. (פּוילישע אַנאַרכיסטישע פעדעראַציע) האָט אומלעגאַל ארויסגעגעבן אַ מולטיגראַפירטן חודש־זשורנאַל „וואַלקאַ קלאַס" (קלאַסנקאַמף) און אים פאַרשפּרייט איבערן לאַנד. אויך פלעגן דערשיינען לעגאַל און אומלעגאַל בראָשורן און ביכער, איןביידע שפּראַכן, איבערן אַנאַרכיזם און סאָציאַלע פראַגן — ווערק פון באַרימטע אַנאַרכיסטישע טעאָרעטיקער *).

חוץ אויפקלערונג־אַרבעט דורך שריפט און וואָרט, איז גרויס געוויכט געלייגט געוואָרן אויף אַריינצוברענגען דעם אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישן גייסט אין דער טרייד־יוניאָן (סינדיקאַלער) באַוועגונג, וואו אַ שטאַרקער קאַמף האָט געמוזט געפירט ווערן מיט די אידייאישע קעגנער. אין דעם אויפבוי און וואוקס פון כמעט אַלע סינדיקאַטן (יוניאָנס) האָבן אָנטייל גענומען אַנאַרכיסטישע חברים — און אין גאָר אַ סך פאַכן, ווי קליידונג־אינדוסט־ריע, טעקסטיל, שוסטעריי, מעטאַל, האָלץ, סאַנדאַלן, פריזירערס א. ד. גל.

ס'איז געפירט געוואָרן אַ פרוכטבאַרע אַרבעט פון חברים־לערער אין די וואַרשעווער מיטל־שולן, אַריינציענדיק אין דער באַוועגונג אַן אַקטיווע גרופּע פון שילער און שילערינס. אָבער פונם ברייטיקן יידישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן אין פּוילן איז דער יידישער סעקטאָר פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין לאַנד געווען אָפּגעריסן.

אַ גרופּע יידישע עטישע אַנאַרכיסטן־אינדיווידואַליסטן פון פּוילן האָט, אין 1924—1926, אויסגעוואַנדערט קיין פּאַלעסטינע צו פירן דאָרט פּראָ־פּאַגאַנדע פאַרן אַנאַרכיסטישן אידעאַל. זיי האָבן אפילו געפּלאַנעוועט צו

*) אין אָנהייב די 1930-ער יאָרן האָט אין וואַרשע אָפּן עקזיסטירט אַ יידיש-אַנאַרכיסטישער בוך פאַרלאַג „דער קאַמף" וואָס האָט אַרויסגעלאָזן אַמוויי-ניקסטן צוויי ווערק: אַ ביכל „לואיזע מישעל — די רויטע יונגפרוי" פון אירמאַ בואיע, און אַ 16-זייטיקע בראָשור, „שמעון ראַדאָוויצקי — זיין לעבן און באַ-פרייאונג". (וועגן ש. ראַדאָוויצקי — זען אין דער אָפּטיילונג פון אָט-דעם קאַ-פּיטל, וואו ס'רעדט זיך וועגן אַרגענטינע). אַ פאָרזעצונג פונם דאָזיקן פאַרלאַג איז, אגב, געווען די פאַרלאַג-אונטערנעמונג „דאָס בוך", וואָס האָט אַרויסגעלאָזן אַ יידישע איבערזעצונג פון ד"ר פּ. ברופּבאַכערס „מאַרקס און באַקונין" (זען ביב-ליאָגראַפישע רשימה צום סוף פון אונדזער בראָשור, אונטער נום. 4).

גרינדן אַן אייגענע קאָלאָניע „בראשית". (זען אַרטיקל פון משה אונגער: „פאַרזוך צו פּרעדיקן אַנאַרכיזם אין העברעאיש", „פר. אַרב. שט." 13־ער יוני, 1930).

דער מלחמה־אויסברוך (1939) האָט נישט איבערגעריסן די טעטי־קייט. אונטער דעם נאַצישן אָקופּאַציע־רעזשים האָט נאָך אַלץ עקזיסטירט און ווייטער געאַרבעט אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע גרופּע.

מען האָט געהאָלפן די יידישע חברים אין געטאָ, און אַ פּוילישער חבר איז דערשאָסן געוואָרן, ביים מויער פון געטאָ, ווען ער האָט אַהין געטראָגן אַ הילף־פּעקל.

אין די שלאַכטן קעגן די נאַצי־דייטשן ביים אויפשטאַנד פון וואַר־שעווער געטאָ האָבן נישט ווייניק יידישע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן און אַנאַרכיסטן געקעמפט מיט געווער אין די הענט.

נאָכן אַריינמאַרש פון די היטלער־חיילות, אין האַרבסט 1939, זיינען מיטן גרויסן שטראָם אַנטלויפנדיקע און היימלאָזע יידן פאַרטראָגן געוואָרן אויך אַנאַרכיסטן אין די טיילן פון פּוילן, וואָס זיינען שוין געווען פאַר־נומען פון די סאָוויעטישע אַרמייען. זיי האָבן שפּעטער געטיילט דעם גורל פון אַלע אַנדערע הונדערטער טויזנטער אַנטרונענע פּוילישע יידן, וואָס זיינען כמעט אַלע פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אָדער אין אַנדערע ווייט־אָפּגעלעגענע, וויסטע טיילן פון דער סאָוויעטישער מדינה, וואו די מערסטע זיינען אויסגעשטאָרבן פון הונגער און אויסשעפּונג.

אויך איז כמעט קיינער פאַרבליבן לעבן פון די חברים און חברטעס, ווי פון דער יידישער באַפעלקערונג בכלל, וואָס האָבן געמוזט פיר יאָר צייט אויסשטיין דעם מאַרטירערטום פון נאַצישן אויסראָטונג־רעזשים. בלויז יחידים האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען, און זיי — ווי אויך די מערסטע צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד — געפינען זיך היינט אויסער פּוילן.

***

אין רומעניע האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווירקט אַ פאַר־צווייגטע אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן נישט־יידישע און יידישע מאַסן און דער פאָלקס־אינטעליגענציע, איבערהויפּט אין בוקאָ־ווינע (ביז 1919 אַן עסטרייכישע פּראָווינץ) — אין דער הויפּטשטאָט, טשערנאָוויץ, און איר אומגעגנט. פאַר לאַנגע יאָרן האָבן דאָרט די דייטשע שפּראַך און קולטור פּרעדאָמינירט. דאָס איז אַזוי געבליבן אויך נאָך דעם ווי אָט־די פּראָווינץ איז אָפּגעריסן געוואָרן פון עסטרייך־אונגאַרן, צוזאַמען מיט טראַנסילוואַניע (געוו. אונגאַרן) און בעסאַראַביע (געוו. רוסלאַנד); מען האָט זי אינקאָרפּאָרירט אין „גרויס רומעניע". די עטניש־געמישטע באַ־פעלקערונג באַשטייט פון רוטענער (אוקראַינער), יידן, דייטשן און רומע־נער, און פיר שפּראַכן זיינען געווען אין געברויך.

טשערנאָוויץ איז אויך לאַנג געווען אַ צענטער פון יידיש-פאָלקסטימ-לעכן קולטור-רענעסאַנס. עס האָט דאָרט פּערזענלעך געווירקט, באַזונדערס צווישן די יידישע סטודענטן, ד"ר נתן בירנבוים (1864—1937), אַ פּאַר-גענגער פון ד"ר ט. הערצל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז גע-ווען באַטייליקט אין דער באַרימטער טשערנאָוויצער קאָנ-פערענץ (אויגוסט 1908) פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור. אין בוקאָווינע פּונקט ווי אין „אַלט רומעניע", האָט די יידישע באַפעלקערונג זיך אויסגעלעבט אין אַ גרויסער מאָס אין יידיש. אין רומעניע איז גע-שטאַנען דאָס וויגעלע פון מאָדערנעם טעאַטער אין יידיש. דאָך איז דאָרט לאַנג די שפּראַך, אפילו פון דער מאָדערנער נאַציאָנאַל-יידישער פּראָפּאַ-גאַנדע גופא (געפירט פון און צווישן די אינטעליגענטן, דערהויפּט) געווען דייטש. אויך די פריייהיטלעך-סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס געקומען איז זי מערסטנס פון די קרייזן פון דער האַלב-אַסימילירטער יידישער יוגנט, איז געפירט געוואָרן הויפּטזעכלעך אויף דייטש. מיט דער צייט איז בוקאָווינע דאָך געוואָרן אַ היפּשער יידיש-פאָלקסטימלעכער צענטער מיט צייטשריפטן, ביבליאָטעקן און שולן אויף דער יידישער שפּראַך.

אין אָדער אַרום 1925 איז געגרינדעט געוואָרן אין טשערנאָוויץ די ערשטע אַנאַרכאָ-סאָציאַליסטישע גרופּע. אירע וואָרט-פירער האָבן פאַרטראָטן אַ קאָסמאָפּאָליטיש-באַפאַרבטע געדאַנקען-וועלט. קיין אָרטיקע פּראָפּאַגאַנדע-ליטעראַטור אין יידיש איז נישט געווען. די באַוועגונג אין רומעניע איז שטענדיק געווען אומלעגאַל. צווישן 2 שיכטן פון פאָלק איז די אַנאַרכאָ-סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע געפירט געוואָרן מיט דערפאָלג: די בוקאָווי-נער פויערים (פאָלקס-ברידער פון די אוקראַינער אין רוסלאַנד, וואָס האָבן אָנגעפילט, אין 1919—1921, די מאַכנאָ-רייען), און די יידישע יוגנט, וועל-כע (אויב נישט די גאַנצע יוגנט, איז אַ היפּשער טייל), ווי פריער געזאָגט, איז יאָרנלאַנג געשטאַנען אונטערן ציוניסטישן איינפלוס.

אין יאָר 1930 איז די באָראָכאָוו-גרופּע כמעט איינשטימיק צו-געשטאַנען צו דער פריייהיטלעך-סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָס גלייכן — אויך די השומר הצעיר-גרופּע. אין יאָר 1931 איז גאַנץ בוקאָווינע געווען באַדעקט מיט אַ נעץ פון אַנאַרכאָ-סאָציאַליסטישע גרופּן מיט הונ-דערטער מיטגלידער. צווישן די חברים זיינען געווען אינטעלעקטואַלן און אַרבעטער. מיטלען פאַר אַן אייגענער פּעריאָדישער שריפט האָבן ליידער געפעלט. מען האָט פאַרשפּרייט, דער הויפּט אין די אינדוסטריעלע צענט-רען, ווערק אימפּאָרטירטע פון דייטשלאַנד און עסטרייך, ווי די אויסגאַבן פון פריץ קאַטער-פאַרלאַג „דער סינדיקאַליסט" אין בערלין, אָדער פון „בונד פריייהיטלעכער סאָציאַליסטן" אין ווין. די „פר. אַרב. שט." פלעגט פאַרשפּרייט ווערן צווישן די יידיש-לייענער, און אויך פלעגט מען זי פאַר-

ליגען ביי די גרופּן־פאַרזאַמלונגען. צייטנווייז האָט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איבערגעשטיגן אין צאָל די קאָמוניסטן אין בוקאָווינע.

אין 1932 זיינען פאָרגעקומען פּילצאָליקע אַרעסטן און די מערסטע חברים זיינען באַשטראָפט געוואָרן אויף אַ גרויזאַמען אופן. נאָך אָט־די שווערע רעפּרעסיעס, האָט מען די טעטיקייט געמוזט איינשרענקען. דאָך איז געלונגען צו שטיין אין אַ קאָנטאַקט מיט געוויסע פריערן־גרופּן ביז 1937. דעמאָלט האָבן אַ צאָל אַקטיווע חברים־יידן אויסגעוואַנדערט קיין אויסלאַנד. עטלעכע זיינען אין 1936 אַוועק קיין שפּאַניע, כדי צו קומען צו הילף דער ס. נ. ט. און פ. אי. א. (שפּאַנישע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע צענטראַלע קערפּערשאַפטן).

נאָך פאַר 1939 האָבן אַ טייל חברים זיך געראַטעוועט פון די פּאָליצייאישע רדיפות דורך אויסוואַנדערונג קיין פּאַריז, וואו חברים־יחידים האָבן שוין פון פריער געלעבט. איינצלנע געגאַסן־יחידים געפינען זיך נאָך ביז איצט אין רומעניע. אַ צאָל יחידים האָט, אין די לעצטע עטלעכע יאָר, אויסגעוואַנדערט קיין ישראל.

***

אין נאָרד־אַמעריקע האָט דער יידישער סעקטאָר פון דער אַלגעמיינער (ענגליש־ריידנדיקער) אַנאַרכיסטישער באַוועגונג (וועלכע איז, אין גרויסן גאַנצן גענומען, נישט זייער אָנזעעוודיק צווישן די אַמעריקאַנער ראַדיקאַלע און סאָציאַלע פּראָטעסט־באַוועגונגען) דאָך אַרויסגעוויזן סימנים פון באַנייטן לעבן גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. שוין אין 1912 איז געשאַפן געוואָרן אַ „יידיש־אַנאַרכיסטישע פעדעראַציע פון „נאָרד־אַמעריקע" מיט 25 גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. ב. אקסלער, אַ ניו־יאָרקער חבר, וואָס האָט פריער יאָרנלאַנג געלעבט אין פילאַדעלפיע, איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן ערשטן סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע. טעטיקע יידישע גרופּעס זיינען אויפגעקומען אין די 1920־ער יאָרן אין דעטראָיט, לאָס אנדזשעלעס און אַנדערע שטעט, ביסלעכווייז איז אָבער שוואַכער געוואָרן די אַרבעט פון די גרופּעס אין שטעט, ווי פילאַדעלפיע און שיקאַגאָ, וואו אין די ערשטע יאָרן (1890—1910) האָט זיך יאָ געפירט אַ גאַנץ אינטענסיווע אַרבעט; באַזונדערס — אין פילאַדעלפיע, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן פריער, אין שייכות מיט דער ערשטער תקופה פון דער יידיש־אַנאַרכיסטישער אַרבעט אין אַמעריקע.

גאָר ענערגיש גייט אָן, אין די לעצטע יאָרן, די אַרבעט פון די יידישע חברים אין לאָס אנדזשעלעס, קאַליפאָרניע. זיי זיינען דאָרט אָרגאַניזירט אין אַ „קראָפּאָטקין ברענטש" (נום. 413) פון „אַרבעטער רינג", און טוען פאַרשידענע באַוועגונג־אַרבעטן, ווי פאַרשפּרייטן און שטיצן די „פרייע

אַרבעטער שטימע", סאָלידאַרישע הילף פאַר די קרבנות פון פאַשיזם אין אייראָפּע, שטיצע פאַרן „יידישן אַרבעטער קאָמיטעט" און פאַר דער „הסתד־רות" אין ישראל א. ד. גל. נאָענט צום „קראָפּאָטקין ברענטש" שטייט אויך די „ראָקער פּאַבליקיישאָן קאָמיטע" (געגרינדעט פון אַ חבר פון „קראָ־פּאָטקין ברענטש", היימען יאַפּע, אין 1931), וועלכע גיט אַרויס ענגלישע איבערזעצונגען פון רודאָלף ראָקערס ווערק („נאַציאָנאַליזם און קולטור", „פּיאָנערן פון אַמעריקאַנער פרייהייט" א. ד. גל.).

אין שיקאַגאָ זיינען אין די לעצטע יאָרן די טעטיקסטע יידישע חברים צוגעשטאַנען צו דער אינטערנאַציאָנאַלער גרופּע „פרייע געזעלשאַפט", וועלכע איז געשטאַנען אונטערן גייסטיקן איינפלוס פון די אַנאַרכאָ־סינדי־קאַליסטישע טעאָריעס פון דעם דאָרטיקן רוסישן חבר, דעם פּריצייטיק־פאַר־שטאָרבענעם ג. פּ. מאַקסימאָוו (1893—1950).

# 4. דורך אויפקלערונג און דערציאונג צו סאָציאַלער באַפרייאונג

מיטן אָפּוועלקן און אויסוועפּן זיך פון דעם יוגנטלעכן ענטוזיאַזם, אין אָנהויב פון 20־סטן י"ה, האָבן די וואָרט־פירער פון אַנאַרכיזם ביי די יידן אין ענגלאַנד און אַמעריקע אָנגעהויבן בעסער צו פאַרשטיין איין וויכטיקן אמת. זיי האָבן באַנומען דעם כלל, אַז ס'איז נאָך נישט גענוג צו פּרעדיקן פאַר אַ גלייכגילטיקער און אומרייפער וועלט די אַבסטראַקטע עיקרים פון יושר, פרייהייט און גלייכהייט. פאַר די דאָזיקע יידישע אַנאַרכיסטישע וואָרט־זאָגער איז קלאָר געוואָרן, אַז פון אַ גרעסערער וויכטיקייט איז צו דערוועקן אין די מענטשלעכע מוחות און הערצער די שטרעבונג צו פריי־הייט, און מיט די מענטשן צו לערנען און פאַר זיי דערקלערן די פּראַכט און די ווירדע פון אַ פרייער און זעלבסטשטענדיקער מענטשלעכער פּער־זאָן. דער מענטש דאַרף זיך אויסלערנען פאַרשטיין, אַז ווי הויך ס'זאָל נישט זיין די מדרגה פון זיין מאַטעריעלן וואוילזיין, וועט ער נאָר דאַן קענען זיך דערהויבן צו אַ באמת וויכטשנסווערטער שטופע, אויב ער וועט נישט פאַרלירן, נישט אויפגעבן, און נישט לאָזן פון זיך צוגענומען ווערן די גייס־טיקע פרייהייט. ד. ה.: ער וועט קענען איינהיטן אין זיך, נישט לאָזן צע־שטערט אָדער צעקריפּלט ווערן, דאָס טייערסטע און הייליקסטע פון יעדן מענטשלעכן וועזן — זיין געוויסן.

האָבן טאַקע די אַנאַרכיסטישע וואָרט־פירער זיך געשטעלט דעם ציל פון אויפוועקן און אויפציען ביי וואָס ברייטערע מאַסן, און אפילו צווישן די אייגענע נאָכפאָלגער, די פעאיקייט צום פרייען און זעלבסטשטענדיקן דענקען. אן אויסערגעוויינלעך פאַרדינסטפולע ראָלע דערביי האָט געשפּילט דער שוין נישט איין מאָל דערמאָנטער ש. יאַנאָווסקי, לאַנג־יאָריקער רע־דאַקטאָר פון דער „פרייער ארבעטער שטימע". ער, מיט זיין בייסנדיקער און אָריגינעל־סאַטירישער פּען און זיין איינציקאַרטיקן טאַלאַנט פון שלאָגן דעם קעגנער ביי אַ דיסקוסיע אָדער פּאָלעמיק, האָט דערהויפּט געזוכט צו דינען איין ציל: איינצוקריצן אין די מוחות פון די צוהערער און לייענער (און זיי פלעגט ער האָבן אין די טויזנטער) די געוואוינהייט פון אַ קריטי־שער אפילו סקעפּטישער שטעלונג צו יעדן מין דאָגמאַטיזם, צו יעדן פאָר־אורטייל און צו אַ אין־פאָראויס־געשאַפענער, נישט־דורכגעטראַכטער מיי־נונג. צווייטנס, האָט יאַנאָווסקי געטריי זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון פרייער פּרעסע, און פלעגט גריידטוויליק עפענען די שפּאַלטן פון די צייט־שריפטן, וואָס ער האָט רעדאַגירט, פאַרן אויסדרוק פון יעדן ערלעכן, לאָ־

גיש־באַגרינדעטן געדאַנק (10). באַזונדערס אָנגעלייגט איז ביי ש. יאַנאָווסקי געווען יענער אויסבייט און שטרייט פון געדאַנקען, ד. ה. אידייאישע דע־באַטן, וועלכע וואָלטן געקענט האָבן אַ סטימולירנדיקע און באַלערנדיקע, מיט איין וואָרט: אַ גייסטיק־באַפרוכטפערנדיקע פעולה פאַר די לייענער פון אָט־די צייטשריפטן ש. יאַנאָווסקיס, אָדער פאַר די אומצייליקע צוהערער פון זיינע לעקציעס.

נאָך מער, אויך אפילו אַן אָפּנייג און קריטישע שטעלונגען און באַ־לייכטונגען פון די „עיקרי־הדת", די גרונט־יסודות, פון אַן אַנאַרכיסטישן קוק אויף וועלט און מענטש, האָט ש. יאַנאָווסקי נישט פאַרוואָרפן — אין קעגנזאַץ צו דער פירונג פון די מערסטע רעדאַקטאָרן און פירער פון אַלע פאַרטיי־צייטונגען און זשורנאַלן. ביז 1919 האָט ש. יאַנאָווסקי פאַרנומען אַ דאָמינירנדיקע פּאָזיציע נישט נאָר אין דער אַנאַרכיסטישער פּובליציסטיק און פרעסע אויף יידיש, נאָר אינם גאַנצן יידישן זשורנאַליזם אין אַמעריקע. פאַר אַ פּאָר צענדליק יאָר כסדר איז ער געווען דער גייסטיקער וועג־ווייזער פאַר אומצייליקע יידישע זשורנאַליסטן, שרייבער, אַקטיאָרן, טרייד־יוניאָן־פירער און כלל־טוער אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס און אינם געזעל־שאַפטלעכן לעבן פון מיליאָנען איינגעוואַנדערטע יידן אין זייער נייער היים, די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

נישט בלויז דורך פרעסע־אָרגאַנען און פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן האָט געפונען אַ פעלד פאַר איר קולטור־אַרבעט די יידישע אַנאַרכיסטישע באַ־וועגונג אין ענגלאַנד און אַמעריקע — די איינציקע צוויי לענדער אין דער וועלט, וואו די אַנאַרכיסטישע אַרבעט אויף יידיש און צווישן יידן האָט אַן אומאונטערבראָכענע כמעט 70 יאָריקע געשיכטע און אַ פעסט־איינגע־וואָרצלטע טראַדיציע. אויך איז דאָרט די השפעה פון פרייהייטלעכן גע־דאַנק אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן געווען פיל ברייטער פאַרשפּרייט ווי צווישן אַנדערע יידישע קיבוצים אין דער וועלט. און געקומען איז עס ווייל די גייסטיקע פירער פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָבן אומדערמידלעך געווירקט צו פאַרטיפן ביי די יידישע מאַסן דאָס וויסן און אויסברייטערן זייער בילדונג, באַזונדערס אויפן געביט פון דער סאָציאַ־לער טעאָריע און פּראַקטיק — קאָאָפּעראַציע, פּראָטעסנאַלע אָרדנס פאַר קעגנזייטיקער הילף אַ אַז"וו. וועגן איינעם פון אָט־די טיף־ווירקזאַמע אַנאַר־כיסטישע גייסטיקע פירער — ש. יאַנאָווסקי — האָט שוין דער לעזער פון אונדז געהערט. נאָך צוויי וועלן דערמאָנט און אויספירלעך באַשריבן ווערן ווייטער אונטן — ד"ר מעד. מעריסאָן און ד"ר מעד. זאָלאָטאַראָוו.

---

(10) **חוץ דער „פר. אַרב. שט.", פון וועלכער ש. יאַנאָווסקי איז צוואַנציק** יאָר (1919—1899) געווען רעדאַקטאָר האָט ער אויך אַ קורצע צייט אין 1906 רעדאַגירט אַ טאָג־צייטונג, „אַבענד־צייטונג" און אין 10-1911 — די באַנייטע מאָנאַטשריפט „פרייע געזעלשאַפט".

ד״ר י. מעריסאָן (1865—1941) מוז דערמאָנט ווערן נישט נאָר ווי דער גרעסטער טעאָרעטיקער וואָס דער יידישער אַנאַרכיזם אין אַמעריקע האָט אַרויסגעבראַכט, נאָר אויך אַלס אַן אומדערמידלעכער טוער אויפן געביט פון אַרבעטער־בילדונג און אויפקלערונג. אַ דאָקטאָר־מעדיציין לויט זיין פּראָפעסיע, האָט אָבער ד״ר מעריסאָן אַן אַ שיער צייט און גייסטיקע ענערגיע אָפּגעגעבן פאַר איבערזעצונגען אין יידיש פון מאָנומענטאַלע, קלאַסישע ביכער איבער די וויסנשאַפטן פון נאַטור און געזעלשאַפט — ווערק פון דאַרווין, ספּענסער, מיל, קראָפּאָטקין, מאַרקס א. אַנד., אין צוגאָב צו זיינע אָריגינעלע אַרבעטן איבער היגיענע, מעדיצין, פיזיאָלאָגיע און אומצייליקע סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען. מען מוז דאָ פאַרצייכענען אַ פאַקט, וואָס נישט אַלע ווייסן אָדער ווילן אים צוגעבן, אַז צו אַט־די אַרבעטן איז ד״ר מעריסאָן צוגעטראָטן צוליב זיין אַנאַרכיסטישער איבערציינונג. געקומען זיינען זיי צוליב זיין שטאַרקן פאַרלאַנג צו העלפן זיינע מיטמענטשן זיך צו באַפרייען פון אומוויסנקייט, פון אָבערגלויבן און פון די פאַלשע באַגריפן וועגן דעם לעבן פון מענטש און געזעלשאַפט.

און ער האָט נאָך אַ צווייטן, אַ פיל גרעסערן פאַרדינסט פאַר יידיש־אַנאַרכיסטישער אויפקלערונג און פאַר דער אַנטוויקלונג און דערהייבונג פון דעם יידיש־לשון אַלס קולטור־שפּראַך. דאָס די היסטאָרישע ראָלע זיינע אַלס איניציאַטאָר און גרינדער פון „קראָפּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט״ אין ניו־יאָרק, וואָס האָט אין משך פון איר צוועלף־פופצן יאָריקער עקזיסטענץ (1913—1924) אַרויסגעלאָזן, אַלס געזעלשאַפטלעכער בוך־פאַרלאַג, געפירט פריוויליק און אָן יעדן מאַטעריעלן נוצן פון ד״ר מעריסאָן און אַ פּאָר פריינט און תלמידים זיינע, ווי ד. איזאַקאָוויץ, א. אַנד., אַ פּאָר צענדליק בענדער — ווערק פון פּרודאָן, באַקונין, לאַסאַל, שטירנער, קראָפּאָטקין, מאַרקס (דער ערשטער טייל פון „קאַפּיטאַל״, אין דריי ביכער), אַ ווערק פון די וועבס (וועגן טרייד־יוניאָנס אין ענגלאַנד) און נאָך און נאָך. דאָס לעצטע ווערק וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער „קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט״ איז געווען פּ. קראָפּאָקינס „עטיק״, וואָס איז, ווי די מערסטע ביכער, וואָס די „קראָפּאָטקין־געזעלשאַפט״ האָט פאַרעפנטלעכט, איבערזעצט געוואָרן אין יידיש פון ד״ר מעריסאָן גופא.

כמעט גלייכצייטיק (אין 1916) איז אין בוענאָס איירעס, אַרגענטינע, פון די יידישע אַנאַרכיסטן געגרינדעט געוואָרן אַ צענטער פאַר קולטור־אַרבעט און אויפקלערונג, דורך אַ ביבליאָטעק, לעזע־זאַל און בוך־פאַרלאַג, אַנאַלאָגיש צו דער „קראָפּאָטקין־געזעלשאַפט״ אין ניו־יאָרק — די „יידישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט״. אַ ריי ביכער און בראָשורן, אָריגינעלע און איבערזעצטע, איבער סאָציאַלע פּראָבלעמען, פּעדאַגאָגיק (ווערק פון פראַנציסקאָ פערער א. אַנד.), ליטעראַטור־קריטישע עסייען א. ד. גל. האָט די „ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט״ אין בוענאָס איירעס ביז איצט שוין

אַרויסגעלאָזן. אין 1949 איז אין איר פאַרלאַג, ווי שוין דערמאָנט, אַרויס חבר י. בירנבוימס יידישע איבערזעצונג פון מאָנומענטאַלן בוך ר. ראָקערס „נאַציאָנאַליזם און קולטור" — אַ באַנד פון 750 זייטן, וואָס איז שוין דערשינען כמעט אין אַ צענדליק אייראָפּעאישע און אַזיאַטישע שפּראַכן.

אַרום און אַרום זיינען צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן פון ערנסטע קלאַסישע ווערק איבער סאָציאַלע פראַגן, אין אַ מוסטערהאַפטער יידישער איבערזעצונג, אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט געוואָרן דורך די צוויי געזעלשאַפטלעכע און קאָאָפּעראַטיווע בוך־פאַרלאַגן, געגרינדעט און געפירט פון די יידישע אַנאַרכיסטן אין נאָרד־ און זיד־אַמעריקע. אויך חברים־יחידים צווישן די יידישע אַנאַרכיסטן האָבן אָפּט זיך גענומען צום בוך־האַנדלונג און אויך געגרינדעט פּריוואַטע בוך־פאַרלאַגן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אין יידיש, אומצייליקע אָריגינעלע און איבערזעצטע ווערק מיט אַ סאָציאַלן, נאַטור־וויסנשאַפטלעכן און ערנסט־בעלעטריסטישן אינהאַלט, ווי ב. רודערמאַן אין לאָנדאָן, מאַקס נ. מייזעל אין ניו־יאָרק, א. אַנד.

פאַר איבער אַ דור צייט זיינען די פירנדיקע יידישע אַנאַרכיסטן אין נאָרד־אַמעריקע געווען ערנסט פאַרטאָן אין דער פרייער און שעפערישער, ד. ה. „פּראָגרעסיווער" קינדער־דערציאונג. נישט קיין סך פון די אונטערגענומענע עקספּערימענטן אין מזרח און מערב טייל פון די שטאַטן (אין ניו־יאָרק און ניו דזשוירזי פון איין זייט און אין קאַליפאָרניע, פון דער צווייטער זייט) זיינען פאַרבליבן ביז היינט. אָבער די עטלעכע געציילטע, וועלכע זיינען יאָ בייגעקומען אַלערליי שוועריקייטן, ווי די באַוואוסטע „פראַנציסקאָ פערער מאָדערן סקול" אין סטעלטאָן, ניו דזשוירזי, האָבן געבראַכט ווערטפולע רעזולטאַטן און די פרוכט פון זייער אַרבעט וועלן געוויס אָנערקענט ווערן פון אַלע פּאַכלייט און פריינט פון דער מאָדערנער דערציאונג.

אינם פעלד פון אָריגינעלן, ד. ה. פון אַ שעפערישן און אומאָפּהענגיקן ביטראָג צו דער טעאָריע און אידעאָלאָגיע פון אַנאַרכיזם, דאַרף — ווי שוין באַמערקט — דער ערשטער פּלאַץ צוגעטיילט ווערן ד"ר י. א. מעריסאָן. מיט צוויי נייע גרונט־שטריכן צייכנט זיך אויס זיין אַנאַרכיסטישער וועלט־באַנעם, דהיינו: ער האָט געוואָלט באַפרייען דעם אַנאַרכיזם פון אַ שטענדיקער צוגעבונדנקייט צו אַ פּאַרטיקער איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרגליווערטער, ווי אַ דאָגמאַט, עקאָנאָמישער סיסטעם, ווי דער קאָמוניזם אין יעדער פאָרם זיינער. צווייטנס, האָט ער פאַרוואָרפן די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן אַלס דער איינציקער וועג פון דער אַנאַרכיסטישער טאַקטיק. ער האָט שאַרף קריטיקירט אָן אַלטע (אפשר באַנאַל־פּלאַכע) פאָרמולע: „קאָמוניזם פּלוס רעוואָלוציע איז אַנאַרכיזם". אַנטקעגן דעם האָט ער אַרויסגעשטעלט זיין אייגענעם ברייט גענעראַליזירנדיקן זאַץ, אין אַן עפּיגראַמאַטישער פאָרם: עס קען און עס מעג אָבער ס'מוז נישט! — וואָס מיינט: פאַר

אַ פולער און פילזייטיקער טעאָריע פון אַנאַרכיזם קענען און מעגן רעוואָ־לוציע און קאָמוניזם דערלאָזן און אָנערקענט ווערן, אָדער קומען אין באַ־טראַכט, אָבער זיי זיינען נישט קיין מוז־זאַכן!

פאַר אַ באַזיס צו אָט־דער פאַרטיפטער אַנאַרכיסטישער שיטה איז אין זיינע אויגן געגאָלטן די גוט־באַטראַכטע פרייהייט־אידייע. אַ פלאַנטער און צעמישעניש, אין באַצוג צו דעם באַגריף „פרייהייט" האָט געהערשט אין די אַנאַרכיסטישע קרייזן פון לאַנג, און איז נאָך ביז היינט נישט פאַרביי. דעריבער איז פון אַ גאַר גרויסער היסטאָרישער באַדייטונג פאַר דער באַ־וועגונג צו האָבן אויפגעקלערט און פאַרטיפט די פרייהייט־אויפפאַסונג ווי ד"ר מעריסאָן האָט עס געטאָן. מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע ציטאַטן, וועגן דעם ענין, פון זיין בוך „די טעאָריע און פראַקטיק פון אַנאַרכיזם" —

אייערע האַנדלונגען באַקומען אַ באַדייטונג אין דעם זין פון פרייהייט, ווען זיי האָבן אַ באַשטימטע שייכות צו די האַנדלונגען פון אַנדערע מענטשן, ד. ה. ווען זיי זיינען געזעלשאַפטלעכע האַנדלונגען. ווען מיר זאָגן פרייהייט כאַ־ראַקטעריזירן מיר בלויז די שייכות, וואָס אונזערע טואונגען האָבן צו דעם וואָס אַנדערע טוען, און מיר דריקן אויס דערביי, אַז דאָס וואָס מיר טוען, האַלט נישט צוריק אָדער שטערט נישט די טעטיקייט פון אימיצן אַנדערש. האָבן פרייהייט, אין די באַציאונגען פון מענטש צו מענטש, מיינט לחלוטין נישט צו זיין באַ־שאַנקען מיט דער מאַכט יענעם עפּעס אָפּצוטאָן; עס מיינט געניסן די מזל-ברכה פון דעם נעגאַטיוון צושטאַנד, וואָס יענער וועט מיר עפּעס נישט אָפּטאָן (ז. 146).

פרייהייט מיינט צו טאָן מיט זיך זעלבסט וואָס איינער וויל, — פרייהייט איבער זיך און נישט איבער קיינעם (ז. 159).

פרייהייט אין ריכטיקן זין, איז דורכאויס נישט קיין פאָזיטיווע מאַכט. עס איז פיל מער אַ נעגאַטיוועס רעכט נישט צו טאָן וואָס איינער וויל נישט. אין אַ פרייער געזעלשאַפט האָט יעדער איינער די פרייהייט צו אָנטזאָגן זיך מיטצו־העלפן אין דעם וואָס ער וויל נישט עס זאָל געטאָן ווערן (ז. 161).

אין אַ שריפט „די פרינציפן פון אַנאַרכיזם" (ניו־יאָרק, 1934), האָט ד"ר מעריסאָן נאָך אין אַ דייטלעכער פאָרם אויסגעדריקט דעם אַנאַרכיס־טישן קוק אויף דעם גרונט־באַגריף „פרייהייט". מיר וועלן דאָ ברענגען צוויי ציטאַטן פון דעם 2־טן קאַפיטל פון אָט־דער 62 זייטיקער בראָשור (11).

אין די באַציאונגען פון דעם יחיד צום כלל — אין די באַשלוסן וואָס קהל באַשטימט פער מאַיאָריטעט לטובת הכּלל, איז די גלייכע פרייהייט קיין באַ־שיצונג נישט פאַר דעם איינצלנעם, וואָס איז אומצופרידן מיט די באַשלוסן פון דער מערהייט. דאָ קומט דער אַנאַרכיסטישער פרינציפּ פון דעם איינצלנעמס פרייהייט נישט צו טאָן וואָס אים געפעלט נישט, נישט אונטערצוואַרפן זיך צו דעם באַשלוס פון דער מערהייט און, נישט שטערנדיק די אַנדערע, צו האָבן דאָס רעכט זיך צוריקצוציען פון מיטאַרבעטערשאַפט (ז. 9).

לויט ד"ר מעריסאָנס אָנזיכטן, שליסט פרייהייט אויס אָנגריף, צוואַנג און באַשרענקונג. פרייהייט אין וואולגאַרן זין איז אַ פרייהייט צו הפקרות, און איז דער פולסטער קעגנזאַץ און ווידערשפּרוך צו דער אַנאַרכיסטישער אידייע פון פערזענלעכער פרייהייט, וועלכע איז דער בריק, וואָס פאַרבינדט

11) אַן ענגלישע איבערזעצונג פון דער בראָשור — „דהי פּרינסיפּלס אָוו אַנאַרקיזם" איז דערשינען אין 1935 אין פאַרלאַג פון דער „יידישער אַנאַרכיס־טישער פעדעראַציע פון אַמעריקע".

דעם גוט־פאַרשטאַנענעם אינדיווידואַליזם מיט אַ פּאַרטיפּטן קוק אויפן קאָלעקטיוויזם און פּרייוויליקער געזעלשאַפטלעכער דיסציפּלין. דאָס ווערט קלאָר פון אַ צווייטער ציטאַט פון ד״ר מעריסאָנס בראָשור:

דער עיקר פון דער אַנאַרכיסטישער לערע באַשטימט אין דער פרייהייט פון דעם יחיד קעגנאיבער די צווינגנדיקע באַשלוסן פון דעם רבים; אַ פרייהייט, וואָס אַלע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט־פלענער באַשטרייטן און פאַרלייקענען. פרייהייט פון דער הערשאַפט פון דער מאַיאָריטעט, נישט די פרייהייט צו שטערן אַקטיוו, צו שעדיקן די דורכפירונג פון אירע פלענער, מיט וועלכע איינער איז נישט מסכים. דאָס מיינט נישט, אַז דער אַנאַרכיזם פאַרוואַרפט גאָר דעם עלעמענט פון צוואַנג וואָס שטעקט אין דעם איינפיר. ווען דער איינצלנער, וואָס איז לכתחילה אַ קעגנער, באַשליסט מיט זיין פרייען ווילן, צוליב אַ געזעלשאַפטלעכן מאָטיוו, אויפצוגעבן זיין קעגנערשאַפט און מיטאַרבעטן מיט דער מאַיאָריטעט, פאַרלייקנט ער נישט דערמיט זיין פרייהייט, וויבאַלד ער איז נישט געצוואונגען צו ענדערן זיין מיינונג (ז. 9–10).

אין די אָנהייב־סטאַדיעס פון דער אַנאַרכיסטישער און דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, סיי אין ענגלאַנד, סיי אין אַמעריקע און שפּעטער אויך אין מזרח־אייראָפּע, פלעגט זיך שטאַרק וואַרפן אין די אויגן איר אַטעאיסטישער און שאַרף אַנטי־רעליגיעזער שטריך. געקומען איז עס פון עטלעכע אורזאַכן. קודם־כל פון אַ צו פלאַכער, ריין־אויסערלעכער פאַרגלייכונג און אַנאַלאָגיזירונג פונם יידיש־רעליגיעזן עטאָס (קולטור־שטייגער) מיט דער קריסטלעך־קירכלעכער אָפיציעלער און דאָגמאַטיש־קאַנאָניזירטער אָרטאָדאָקסיע און אָרטאָדאָקסישן אָבסקוראַנטיזם, ספּעציעל אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער ווי רוסלאַנד, פּוילן א. אַנד. צווייטנס, איז דער מיליטאַנטישער אַטעאיזם פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן געווען די נאַטירלעכע רעאַקציע קעגן דער זעלבסטצופרידענער צביעות ביי גאָר אַ סך יידישע גבירים און פרומע יידן, וואָס פלעגן שטעלן געשעפט און געלט איבער אמונה. האָבן דאָך די ערשטע יידישע אַנאַרכיסטן אין לאָנדאָן, ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע געזען אַרום זיך אומצייליקע יידן „באַלעבאַטים", וואָס האָבן אין געיעג נאָך געלט נישט אויסגעקליבן קיין מיטלען. זיי האָבן געטראַכט אָנצוראַבעווען וואָס מער עשירות, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום עטישן געבאָט, געזוכט אפילו צו ווערן רייך אויף גיך דורך דעם שוויים, בלוט און טרערן פון זייערע ביטער־עקספּלואַטירטע, אין די שוויץ־שעפּער, „ברידער־יידן", ווי דאָס איז אַזוי רירנדיק שאַרף־פּאָרוואָרפעריש אָפּגעשפּיגלט געוואָרן ביי די גרעסטע סאָציאַלע פּאָעטן פון יענער צייט (1880—1900) — מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד און דוד עדעלשטאַט, און פון אומצייליקע קלענערע סאָציאַלע דיכטער אין יידיש.

דריטנס, האָט מסתמא מיטגעשפּילט אַ ראָלע דער אינטענסיווער דור־דות־לאַנגער רעליגיעזער הינטערגרונט ביי די אַנאַרכיסטן דווקא פון יענע נאַציעס, ווי שפּאַניער און יידן, וואָס זיינען, מחמת סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע,

היסטאָרישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיבות געווען ספּעציעל גענייגט אָנ־צונעמען דווקא דעם אַנאַרכיסטישן וועלט־באַנעם. טאָ איז נישט זעלטן צו טרעפן ביי די אַנאַרכיסטן פון אַמאָל. אַט־די פעלקער, ווי שפּאַניער און יידן, טאַקע אַ כמו־רעליגיעז־עקסטאַטישן ברען, און אפילו פאַנאַטיזם, אויך אין באַ־צוג צו וועלטלעכע אידעאַלן, פאַרבונדן מיט אַ גלגול פון אַן אומטאָלעראַנץ (אין עקסטרעמע פאַלן), וואָס האָט אויסגעצייכנט מיט זיך די רעליגיעז־פרומע אורעלטערן פון אַט־די איצטיקע רעוואָלוציאָנערע „גאָט־שטורמערס".

זיי, אַט־די אַנאַרכיסטן פון יידישן אָדער שפּאַנישן אָפּשטאַם, זיינען זין פון פעלקער וואָס האָבן מיט דורות צוריק, אַזוי ערנסט און מסירת־נפש־דיק, דערהערט און באַנומען די רופן אָדער פון די גרויסע ביבלישע נביאים און שפּעטערדיקע משיחים־טרוימער, אָדער פון די אַפּאָסטאָלן און שפּע־טערדיקע פּראָטעסט־רעבעלן פון פרייען קריסטנטום, מיט זייערע מוסר־דרשות וועגן מענטשנליבע, יושר, אמת און ברידערלעכקייט...

פערטנס, האָט אין יענער צייט ,סוף פון 19־טן און אָנהויב פון 20־טן י"ה, אַ גייסט פון קריטיק און אַנטריסטונג, לגבי די פאַלשע, היפּאָקריטישע פאָרמען פון „בורזשואַזן" לעבנס־שטייגער, באַהערשט די מוחות פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט בכלל. מאַקס נאָרדויס ווערק : „קאָנווענציאָנעלע ליגנס פון דער קולטור־מענטשהייט", „פּאַראַדאָקסן" און „אַנטאַרטונג", און אויך די פּיעסעס פון איבסען, הויפּטמאַן, סטרינדבערג א. אַנד. האָבן אויפגערודערט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. אַנשטאָט דער קירכלעך־דאָג־מאַטיזירטער רעליגיע איז אַריין אין דער מאָדע אַ לייכטוואָגיקער אַגנאָס־טיציזם און אַטעאיזם. אַנשטאָט דער „רעספּעקטאַבעלער" בורזשואַזער הייר־ראַט, באַזירט אויף מענער־הפקרות און פרויען־רעכטלאָזיקייט, איז אויפ־געקומען דער קולט פון „פרייער ליבע" און פרויען־עמאַנציפּאַציע, און אַזוי ווייטער. במילא, זיינען פאַר דער אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישער שטרעמונג, אַלס אַוואַנגאַרד פון ראַדיקאַל־סאָציאַלן געדאַנק, אַט די אַלע „נייע ווינטן" פון צייט־גייסט, נישט נאָר געווען ווילקאָמען אין דער פולסטער מאָס, נאָר דאָ און דאָרט זיינען די נייע אידעאַלן צומאָל דערפירט געוואָרן צום עקס־טרעם פון פאַראַנטוואָרטונגלאָזיקייט.

שליסלעך, האָט אויך מסתמא מיטגעווירקט אויף גאָר אַ סך יידן דער באַצויבערדיקער איינפלוס פון באַרימטע נישט־יידישע אַטעאיסטן־מילי־טאַנטן אין ענגלאַנד און אַמעריקע פון יענער צייט, ווי ברעדלי, יאָהאַן מאָסט, און ראָבערט ג. אינגערסאָל. מיט דעם גאַנג פון דער צייט אָבער באַמערקט זיך שוין ביי די יידישע אַנאַרכיסטן, אָדער ביי די וואָרט־פירער זייערע, די שרייבער, רעדאַקטאָרן און קינדער־לערער, אַ רעווידירטע, מער ראַפינירטע באַציאונג צו די ערנסטע פראַגן פון עטישן און בכלל גייסטיקן לעבן פון יחיד און כלל ; אַ באַציאונג, וואָס איז באַזירט אויף טיפערע קענטעניש פון קולטור־געשיכטע, פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע.

# 5. אנארכא־סאציאליזם און ציוניזם

יידישע אנארכיסטן זיינען מערסטנס געווען קעגנער סיי פון דער חיבת־ציון־באוועגונג (די פארגעגנגערין פון מאדערנעם ציוניזם), סיי פון פאליטישן ציוניזם. מען האט אין זייערע קרייזן באגרינדעט די קעגנערשאפט מיט צוויי מאטיוון. ערשטנס, מ׳האט אין ציוניזם געזען א פארמאסקירטן פארזוך אויפצולעבן די אלטע יידישע טעאקראטיע מיטן בית־המקדש אין ירושלים; און צווייטנס, האט מען אים אפגעווארפן ווייל ער פארקערפערט א שטרעבונג צו א יידישער מלוכה. און דער מלוכה־פרינציפ גופא איז שוין במילא טריף געווען אין די אויגן פון דער אנארכיסטישער באוועגונג, נאך איידער די טרוימער פון א יידישער פאליטישער ווידערגעבורט אין ציון זיינען געקומען מיט זייער טרייסט־בשורה פארן „אייביקן וואנדער־פאלק״. שוין פון אזא שטאנדפונקט איז פאר די יידישע אנארכיסטן פריי און אפן געווען א ברייטער וועג צום אנטי־ציוניזם, ווי אויך צום יידישן נאציאנאליזם בכלל.

פון דער צווייטער זייט, אלס אן איינגעארטיקער און אלגעמיין־טעארעטישער צוגאנג צו דער יידישער פראגע, האבן די נאכפאלגער פון אנארכיסטישן אידעאל צווישן די יידישע ארבעטער געקענט שעפן קראפט און באגייסטערונג פון א פלאמענדיקן גלויבן אין אבסטראקטן, הגם אין יענער צייט פאפולערן, באגריף פון מענטשלעכן פארשריט. נאך א קוואל פון מוט און אפטימיזם איז דעמאלט (אנהויב פון 20־סטן י״ה) געווען פאר א סך יידישע אנארכיסטן דער היפשער פארשריט, אין סאציאל־עקאנאמישן און געזעלשאפטלעך־קולטורעלן זינען, פון די דערוואכטע יידיש־רייידנדיקע מאסן, אין מזרח־אייראפע און אמעריקע, אלס א טייל, א גליד פונם אינטערנאציאנאל־ארגאניזירטן פראלעטאריאט — אן אונטערדריקטער אבער פאראייניקטער אין איין וועלט־משפחה קלאס, וועמען עס געהערט די צוקונפט. אבער מען האט דערביי אין די יידישע רעוואלוציאנערע רייען פארזען, אדער זיך געמאכט נישט זעעוודיק, אין באצוג צו די צווישנבאציאונגען פון יחיד מיט זיין פאלק, ווי אויך פון די פעלקער גופא.

דעריבער קען מען ביז 1903, אין דער גאנצער יידישער אנארכיסטישער און סתם בונטארישער ליטעראטור נישט געפינען קיין שפור פון א כוונה אדער פארמעסט צו באהאנדלען, מיט אלע ספעציפישע דעטאלן און ספעציעלע שטריכן אירע, די יידישע פראגע פון אן אנדער שטאנדפונקט, חוץ דעם נאר־וואס באשריבענעם, ד. ה. אינטערנאציאנאל־קאסמאפאליטישן. אנשטאט דער נאציאנאלער זעלבסט־באשטימונג אויך פון יידן, אלס א ספעציפישער און סעפאראטער היסטארישער קאלעקטיוו, איז פאר אן אויסגאנג־פונקט צו א טעארעטישער לייזונג פון דער יידישער פראגע פארויסגעזעצט געווארן א היפש־מטושטשער, בלוטלאזער קאסמאפאליטיזם.

ציַיטנוויַיז האָט מען אָט־די בלאַסע, אַבסטראַקטע טעאָריע פון „פּאַפּירענער־מענטשן־פאַרברידערונג" פאַרגעשטעלט, אָן אַ פעסטן און ריכטיקן גרונט, ווי אַ פאָרם פון אינטערנאַציאָנאַליזם. אָט אַזוי איז די קאָסמאָפּאָליטיש־אינטערנאַציאָנאַלע וועלט־אָנשויאונג געפּרעדיקט געוואָרן צו די נישט צו שטאַרק אַנטוויקלטע (אינטעלעקטואַל), הגם אייפריקע, און דורך עמאָציעס — פיל מער ווי דורך לאָגישע באַוויַיזן און נאָכטראַכטונגען — באַוועגטע און אָנרעגבאַרע מאַסן.

אַ וויכטיקע ענדערונג איז איַינגעטראָטן אין פרילינג 1903.

דער בלוטיקער, פון דער צאַרישער רעגירונג סטימולירטער און צוגע־גרייטער, קישינעווער פּאָגראָם אויף יידן, פּסח 1903, האָט געגעבן אַן אָנ־שטויס אַ קליינער, אָבער זייער איינפלוסרייכער, אַנאַרכיסטישער גרופּע אין אַמעריקע פיל שטאַרקער צו פאַרטראַכטן זיך און ערנסטער אַריינדרינ־גען אין תוך פון דער פראַגע וועגן גורל פון די יידן אַלס אַ טייל פון אַ פיל גרעסערן פּראָבלעם — די פראַגע פון די קליינע אונטערדריקטע און באַ־וועלטע פעלקער בכלל.

דער ערשטער אָנשטויס, אַלס הייסער רוף צו רעווידירן די פריערדיקע אַנאַרכיסטישע טעאָריעס וועגן דער פראַגע פון די נאַציאָנאַליטעטן, איז געקומען פון אַ זייער אָנגעזעענעם אַנאַרכיסטישן וואָרט־פירער אין אַמע־ריקע, ד"ר מעד. הלל זאָלאָטאַראָוו (1865—1921). ער האָט אָפּגעדרוקט זיין פון מוח און האַרץ דורכגעאַרבעטן אַרטיקל, „ערנסטע פראַגעס", אין ש. יאַנאָווסקיס „פרייער אַרבעטער שטימע" דעם 23־טן מאַי 1903. מיט זיין נייעם, צום אָפענעם אָפּקער פון אַלטן קאָסמאָפּאָליטישן קוק אויפפאָ־דערנדיקן, טאָן און אינהאַלט, האָט דער אַרטיקל באַלד אויפגערודערט די גאַנצע יידישע ראַדיקאַלע וועלט. עס האָט אויפגעברויזט און זיך גענומען קאָכן אין אַלע שטרעמונגען און צוויַיגן פון דער סאָציאַליסטישער און אַר־בעטער־באַוועגונג ביי יידן, סיי ביי די אַסימילאַטאָריש־ (ד. ה. אינטערנאַ־ציאָנאַל־קאָסמאָפּאָליטיש) געשטימטע, סיי די וואָס זיינען שוין פון פריער געווען גענייגט צו אַזאַ אָדער אַן אַנדערער פאָרם פון יידישן נאַציאָנאַלן באַ־וואוסטזיין.

ד"ר זאָלאָטאַראָוו, וואָס איז, זינט די לעצטע 1880־ער יאָרן געווען איינער פון הויפּט־פּרעדיקער פון קראָפּאָטקינישן אַנאַרכיזם צווישן יידן און דערצו נאָך אַ באַגאַבטער שרייבער און פּובליציסט, האָט געפאָדערט פון זיינע יידישע אַנאַרכיסטישע חברים צו זוכן די לייזונג פון די יידישע פּראָבלעמען אויף די וועגן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָ־גיע. מיט אים זיינען אין אָט־דער נייער „אפּיקורסישער" טעאָריע געגאַנגען (נישט אַזוי וויַיט ווי ער) נאָך עטלעכע חשובע פון לאַנגע יאָרן אַקטיווע חברים, ווי דער באַוואוסטער שרייבער־זשורנאַליסט משה קאַץ (1846—1941). אויך שפּעטער אַב. גראַסנער פון פילאַדעלפיע און טיילוויַיז ד"ר י.

א. מעריסאָן א. אַנד. לאָמיר דאָ געבן כאָטש איין ציטאַטע פון זאָלאָטאַראָווס עפּאָכע־מאַכנדיקן אַרטיקל:

...באַהאַלט עס ווי איר ווילט, דערשטיקט עס ווי איר ווילט, לייקנט עס הונדערט טויזנט מאָל אָפּ — מיר זיינען אַליין יידן. און ווען מען שלאָגט און מען פאַרפאָלגט, ווען מען פּייניקט און מען מאָרדעט דאָס יידישע פאָלק אַלס יידן, רופט זיך עס אָפּ אין אונזער נשמה מיט אַזאַ שטאַרקן, טיפן ווייטאָק, אַז מיר וואָלטן, דאַכט זיך, גיכער געשטאָרבן אַלס יידן, איידער קויפן זיך דאָס לעבן דורך געצוואונגענער אויס־יידישקייט (ד״ר ה. זאָלאָטאַראָוס, „געקליבענע שריפטן״, ב. 3, ז. 301).

גוט־באַקאַנטע ראַדיקאַלע שרייבער, ווי ד״ר חיים זשיטלאָווסקי (1865—1943), וועלכע זיינען נאָך מיט עטלעכע יאָר פאַר זאָלאָטאַראָוון און מ. קאַטצן אַרויסגעקומען מיט „אפּיקורסישע״ געדאַנקען, אַז אַ ריכטיק־פאַרשטאַנענער אינטערנאַציאָנאַליזם איז אַ פיל געהויבענערע מדרגה פון צווישנמענטשלעכע באַציאונגען ווי אַ בלויזער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס איז געבויט אויף אַלגעמיינע אַבסטראַקטע פּאָסטולאַטן וועגן איין מענטשהייט (ווי דער בורזשואַז־ליבעראַלער, פון דער פראַנצויזישער בירגערלעכער רעפּובליק אַדאָפּטירטער אבסטראַקטער לאָזונג: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט). אָט־די נייע טעאָריע פון דער אַזוי־גערופענער „נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער״ פּראָפּאַגאַנדע, ווי דאָס האָבן געפּריידיקט נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אידעאָלאָגן, ווי בער באָראָכאָוו און ד״ר נחמן סירקין, האָט איצט געפונען פאַר זיך אַ נייע שטאַרקע שטיצע אין דעם גאַנץ אומגעריכטן אָפּקלאַנג וואָס איז אַזוי גרייטוויליק אָבער אומגעריכט געקומען איר אַנטקעגן אויך פון דעם אַנאַרכיסטישן לאַגער — דעם לאַגער וואָס האָט יאָרנלאַנג פיגורירט אין עקסטרעם־לינקן פליגל פון דעם קאָסמאָפּאָליטישן וועלט־באַנעם פון די יידישע רעוואָלוציאָנערן. קעגן ד״ר זאָלאָטאַראָווס אָנשויאונגען איז אָבער אַרויסגעטראָטן ש. יאַנאָווסקי, דער רעדאַקטאָר פון דער „פר. אַרב. שט.״, און נאָך שאַרפער — דער נישט־ייד, יאָהאַן מאָסט

די נייע פאָרמולע וואָס איז אָנגענומען געוואָרן — אמת, נאָר אפשר פון אַ מינדערהייט פון די יידישע אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע, און פון נאָך קלענערע צאָלן אין אייראָפּע — האָט געפונען אַ געלונגענעם אויסדרוק אין דעם באַרימטן זאַץ פון ד״ר זשיטלאָווסקי: דער העכסטער אידעאַל איז נישט קאָסמאָפּאָליטיזם, נישט די פעלקער־פאַרשווינדונג, נאָר די פעלקער־פאַרברידערונג. און אַזוי האָט זיין קוק מאָטיווירט ד״ר זשיטלאָווסקי:

דער ראַדיקאַלער געדאַנק, סיי אין זיין סאָציאַליסטישן, סיי אין זיין אַנאַרכיסטישן שטראָם, האָט קיין מאָל נישט פאַרלאַנגט און קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרלאַנגען די צונויפמישונג פון פעלקער אין איין האָמאָגענער מענטשהייט, און האָט אַלע מאָל זיך איינגעשטעלט פאַר דער פולער פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון יעדן פאָלק. ממילא דאַרף אויך אונזער יידישער ראַדיקאַלער

אינטערנאַציאָנאַליזם איינשליסן אין זיך די פאָדערונג פון אַ פרייער אייגענער נאַציאָנאַל־יידישער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג (12).

די מיינונגען פון דעם אַמעריקאַניש־יידישן נאַציאָנאַל־געשטימטן הויפּט־אידעאָלאָג צווישן די אַנאַרכיסטן, ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו, האָבן טאַקע אַלץ מער און מער, נאָך 1903—1904, זיך גענייגט צום סאָציאַליסטישן אַרבעטער־ציוניזם. אין אַ דעם פּרט, קען מען זאָגן, האָט דער תּלמיד, ד״ר ה. זאָלאָטאַראָוו, זיך שאַרף פונאַנדערגעגאַנגען פון זיין פאַרערטן און באַליבטן רבין, פּעטער קראָפּאָטקין. יענער, קראָפּאָטקין, ווי מיר וועלן זען פון אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל, האָט געהאַט אַ סקעפּטישע באַציאונג צו די צילן און מעטאָדן פון פּאָליטישן ציוניזם. און דאָך, נישט געקוקט אויף קראָפּאָטקינס אָנזיכטן, וועלכע זיינען קלאָר און אָפן אַרויסגעבראַכט געוואָרן נאָך אין יאָר 1907, זיינען אַ סך יידישע אַנאַרכיסטן אַלץ מער און מער צוגעשטאַנען צום געדאַנקען־גאַנג פון זאָלאָטאַראָוו־קאַטץ. קאָנקרעט גערעדט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און באַזונדערס נאָך דער צווייטער — מיט איר חורבן־אייראָפּע און אויסמאָרדונג פון 6 מיליאָן שוצלאָזע און הילפלאָזע יידן דורך די בעסטיאַלישע נאַצים, — איז אַלץ טיפער און ברייטער אַריינגעדרונגען צווישן די יידישע אַנאַרכיסטן דער פּראָ־ציוניסטישער סענטימענט. אַזאַ דערשיינונג האָט זיך געלאָזט באַמערקן אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער ווי אויך אין די אַמעריקעס.

די הומאַניטאַר־אוניווערסאַלע און יידיש־נאַציאָנאַלע מאָטיוון לטובת דער גוטהייסונג פון ציוניזם מצד „גוטע און פרומע״ אַנאַרכיסטן, וואָס זיינען אַזוי ווירקזאַם געווען נאָכן בלוטיקן קישענעווער פּאָגראָם אין 1903, האָבן איצט, בעת און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך „שלאַנגדיקער״, ווירקזאַמער געמוזט אַוועקשטעלן זיך פאַרן באַוואוסטזיין פון אַ סך יידישע מענטשן, און צווישן זיי אויך אַנאַרכיסטן. דערצו האָט אויך געווירקט דער פאַקט, אַז אין די יאָרן 1921—1941 איז אויפגעוואַקסן אין „ארץ ישראל״ אַ היפּשע צאָל מוסטערהאַפטע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, אָדער „קבוצות״, אויף אַ פרייוויליק־קאָמוניסטישן יסוד. געפירט האָבן זיי זיך אין גייסט פון דעם לאַנג־לאַנג גלאָריפיצירטן פּרינציפּ פון יעדן סאָציאַלן ראַדיקאַליזם אין די לעצטע 100 יאָר, דהיינו: פון יעדן אייגעם לויט זיינע פעאיקייטן און צו יעדן לויט זיינע באַדערפעניש. טאָ האָבן אָט־די קאָלעקטיוון, די אידעאַליסטישע קאָלאָניעס, אויסגעאיבט, באַזונדערס אין די יאָרן פון טיפער אַנטוישונג מיטן סאָוויעטישן עקספּערימענט אין רוסלאַנד, אַ מאַגנעטישן איינפלוס אויף היפּשע צאָלן יידישע אַנאַרכיסטן.

---

12) ד״ר חיים זשיטלאָווסקי: ד״ר הלל זאלאטאראָוו און זיין נאַציאָנאַליסטישער אַנאַרכיזם. אין ד״ר ה. זאָלאָטאַראָווס „געקליבענע שריפטן״, ב. 1., זייט 22.

גאָר באַזונדערס זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן נישט וויניק פון די דווקא אַמאָל פּאַרקאַכטע אין קאָסמאָפּאָליטיזם און איצט אָפּגעקילטע חברים אין אַמעריקע. זיי האָבן מיט לייב און לעבן זיך אַריינגעוואָרפן אין די געלט־זאַמלונגען לטובת דעם „אַרבעטנדיקן ארץ ישראל", און אין יעדער פאָרם פון הילף און קאָאָפּעראַציע געשטיצט די כסדר וואַקסנדיקע באַוועגונג פון אַרבעטער־אָרגאַניזירונג און קאָלאָניזאַציע אין דעם זיך אויפבויענדיקן און פאַר פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט קעמפנדיקן נייעם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע.

קורץ נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביי אַ קאָנפערענץ פון די יידיש־אַנאַרכיסטישע גרופּעס אין ניו־יאָרק, האָט ד"ר הילל זאָלאָטאַראָוו אין אַ באַגייסטערטער רעדע וועגן די פּערספּעקטיוון פאַר דעם יידישן ישוב, וואָס וועט אויפגעבויט ווערן אין ארץ ישראל, אויסגערופן: „איך האָף און גלויב, אַז אין ארץ ישראל וועט אויפגעבויט ווערן אַן אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישע געזעלשאַפט".

כדי בעסער צו פאַרשטיין סיי אַזאַ טרייע אָנהענגערשאַפט פון נישט וויניקס לאַנגיעריקע יידישע אַנאַרכיסטן אין באַצוג צו די קבוצות און צום עקאָנאָמישן אויפבוי פון ארץ ישראל בכלל, און סיי די ברייטע שטיצע זייערע פאַר אָט־די צוועקן, איז נויטיק זיך נאָענטער באַקענען מיט נאָך אַ זייט פון דער יידיש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. דאָס איז די ספּעציעלע פּאַראינטערעסירונג אירע אין דעם פּראָבלעם פון קאָלעקטיווער אָדער קאָאָפּעראַטיווער פּראָדוקציע און קאָלאָניזאַציע. מיר וועלן זיך באַלד אומקערן (קאַפּ. 7) צו אָט־דעם פּראָבלעם. אָבער ביז מיר וועלן זיך אויספירלעך פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער פראַגע, און איר שייכות צום נייעם קוק פון אַ סך יידישע אַנאַרכיסטן אויף ישראל, וועט זיין אינטערעסאַנט און באַלערנדיק פאַר דעם לעזער צו באַקענען זיך מיט דער שטעלונג פון פּעטער קראָפּאָטקין, דעם גרעסטן לערער פון אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם, צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין אַלגעמיין און צום יידישן פּראָבלעם און ציוניזם בפרט, וואָס וועט באַהאַנדלט ווערן אינם נאָענטסטן קאַפּיטל.

מען דאַרף דאָ אגב באַטאָנען, אַז די שטיצע פון די יידישע פרייהייטלעכע סאָציאַליסטן פאַרן יידישן אַרבעטער אין פּאַלעסטינע (זינט מאַי 1948 — אין ישראל), ד. ה. פאַר דער הסתדרות, — אַן אַקציע פון אויפריכטיקער ברידערלעכער הילף און סאָלידאַריטעט — איז ביז גאָר פאַרשטאַרקט געוואָרן אין די סאַמע לעצטע יאָרן. אָבער אָט־די שטיצע מצד אַ גרויסן טייל פון די יידישע אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע איז, אין גרונט, נאָר איינע צווישן אַ סך פאָרמען פון ברייטהאַרציקער פינאַנציעלער און מאָראַלישער הילף פאַר אונזערע חברים אין אויסלאַנד. נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע געהאַט אַן איינגענעם „רויטן קרייץ" צו העלפן די חברים־אַנאַרכיסטן אין רוס־

לאַנד — קרבנות פון צאַרישן טעראָר און גרויליקע רדיפות, א. ד. גל. שפּע־טער, נאָכן קריג פון 1914—1918, האָט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע געשאַפן דעם „אינטערעיד־פאָנד", כדי צו שטיצן ברידערלעך נויט־לײַדנדיקע חברים אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד. אין די צײַטן פון שפּאַ־נישן בירגער־קריג, אין די שפּעטע 1930־ער יאָרן, האָט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג בכלל, און בפרט איר ייִדישער סעקטאָר, זייער אַקטיוו זיך באַ־טייליקט אין דער שאַפונג פון עקאָנאָמישער און מאָראַלישער אונטערשטיצונג פאַר די העלדישע קעמפּער אין די אַנאַרכיסטישע און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליס־טישע רייען. מ'האָט אין פאַרלאַג פון דער „פ. א. ש." געדרוקט פּראָפּאַ־גאַנדע־ליטעראַטור פון אַלע מינים (בלעטלעך, בראָשורן, פּלאַקאַטן און אַזוי ווײַטער), און אויך אויפקלערונג־ליטעראַטור (דערהויפּט אין ענגליש) וועגן דער רעוואָלוציע אין שפּאַניע פון 1936—1938.

בעתן צווייטן וועלט־קריג (1939—1945), האָבן די ייִדישע פרייהייט־לעכע סאָציאַליסטן אין נאָרד־אַמעריקע, געגרינדעט דעם „פרייהייטלעכן פּליטלינג פאָנד" (פ.פ.פ.). ער האָט געגעבן הילף דורך שפּייז־פּעקלעך, קליידונג, מעדיקאַמענט־שיקונגען קיין אייראָפּע צו הונדערטער חברים אָן אונטערשיד פון אָפּשטאַם און נאַציאָנאַליטעט. דער געלט־ווערט פון אַזאַ הילף באַטרעפט עטלעכע צענדליקער טויזנטער דאָלאַר. צוזאַמען מיטן „ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט" אין ניו־יאָרק האָט דער פ. פ. פ. געהאָלפן געבן „הילף דורך אַרבעט" (קאָאָפּעראַטיווע וואַרשטאַטן א. ד. גל.) חברים אין אייראָפּע.

פון ייִדן און נישט־ייִדן צוזאַמען איז אין שיקאַגאָ, אין די 1920־ער יאָרן, געשאַפן געוואָרן דער „אַלעקסאַנדער בערקמאַן הילף־פאָנד", וואָס זײַן ערשטער ציל איז געווען צו העלפן די חברים־קרבנות פון דער רויטער דיק־טאַטור און טיראַניי. אין די שפּעטערדיקע צײַטן, מיטן אויפקום פון היט־לעריזם און דער טראַגישער מפּלה פון די שפּאַנישע רעוואָלוציאָנערן, האָט דער בערקמאַן־פאָנד געשטיצט די קרבנות פון פאַשיזם אין אַלע לענדער און אויך די נייע קרבנות פון דעם זיגרייכן באָלשעוויזם נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה (בולגאַרישע אַנאַרכיסטן א. ד. גל.). ער טוט אָט־די אַרבעט ביזן הײַנטיקן טאָג. ביידע פאָנדן (פ. פ. פ. און בערקמאַן־פאָנד) האָבן מיט באַדייטנדיקע סומעס געהאָלפן די חברים, וואָס זײַנען צעשפּרייט און צע־זייט איבער דער וועלט; אַ וועלט, וואָס בלײַבט צו זיי גלייכגילטיק און פרעמד. אויך אין דער ברייטער הילף־אַקציע פאַר די מלחמה־געליטענע פון קריג און פון פאַשיזם פון „ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט" אין ניו־יאָרק (וואָס עק־זיסטירט שוין איבער 14 יאָר צײַט און וואָס זײַנע איניציאַטאָרן און הויפּט־טוער זײַנען געווען ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און געוועזענע בונדיסטן), האָבן די ייִדישע אַנאַרכיסטן מיטגעווירקט דורך אַרבעט און מיט געלט־בײַשטערונגען.

# 6. פּעטער קראָפּאָטקין און די יידן־פּראַגע

אין 1907 האָט אַ יונגער יידישער סאָציאַליסט אין פּאַריז, מאַרק יאַרבלום (שפּעטער באַוואוסטער פירער פון די רעכטע פּועלי־ציון) אויפגעהויבן, אויף די שפּאַלטן פון לאָנדאָנער אַנאַרכיסטישן זשורנאַל (ביולעטין) „ליסטקי כליעב אי וואָליאַ”, וועלכן ס'האָבן רעדאַקטירט פּ. קראָפּאָטקין און אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ, אַן אָנגעווייטיקטע פּראַגע. דאָס איז געווען דאָס פּראָבלעם: וואָס דאַרף זיין די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע שטעלונג צום ענין פּאַלעסטינע און צו אַן אומאָפּהענגיקער יידישער מלוכה, ד. ה. צום פּראָבלעם ציוניזם.

קראָפּאָטקין האָט אים געענטפערט און אין אַ לענגערן אַרטיקל (נומ. 18 פון „ליסטקי”, 5 יולי, 1907) — „אַנאַרכיזם און ציוניזם” און אַנטוויקלט קריטישע געדאַנקען וועגן ציוניזם. זיין קעגנערשאַפט ווערט מאָטיווירט אויף צוויי אופנים, דהיינו: 1) פון שטאַנדפּונקט פון אומגינסטיקע געאָפּיזישע באַדינגונגען, נעמלעך — פּאַלעסטינע, מיט איר נישט גאָר גוטן קלימאַט, איז נישט פּאַסיק פאַר אַ גרעסערן יידישן ישוב, און במילא וועט דאָס לאַנד נישט האָבן גענוג רוים אַריינצונעמען דאָס גאַנצע יידישע פּאָלק און איינגאַנצן לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם; און 2) פון רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט קען בלויז איין לייזונג פון דער יידישער פּראַגע געפונען ווערן — די „לייזונג אויפן אָרט”, ד. ה. דאָרט וואו די יידן האָבן געלאָזן וואָרצלען, וואו זיי זיינען געזעסן שוין דורות לאַנג *).

אין שייכות מיטן ציוניזם געפינט פּ. קראָפּאָטקין דריי שטרעמונגען אין דער דאָזיקער באַוועגונג: רעליגיעזער ציוניזם, פּאָליטישער ציוניזם און קולטור־ציוניזם. ער מיינט, אַז די הויפּט־טרייב־קראַפט ליגט אין דער שטרעבונג פון די רעליגיעז־געשטימטע יידן צו באַשאַפן אין פּאַלעסטינע זייערן אַ שטאַט. דאָס, ווידער, מוז דערפירן צו אַ טעאָקראַטיע, ד. ה. צו אַ קלעריקאַלער און פּאָליטישער מאַכט. במילא, גייט דער ציוניזם אַלס רעליגיעז־פּאָליטישע אידייע, האַלט פּ. קראָפּאָטקין, קעגן דער אידייע פון אַ פרייהייטלעך־געזעלשאַפטלעכן, ד. ה. קעגן אַן אַנאַרכיסטישן, סדר. און ווי שוין געזאָגט, לויט קראָפּאָטקינס מיינונג, וואָלט דאָך פּאַלעסטינע קיין סך פּאַרמערס און אינדוסטריע־אַרבעטער נישט געקענט שפּייזן. במילא האָט ער געהאַלטן כמעט פאַר אַן אוטאָפּיע צו קלערן וועגן אַריבערפירן אַהין די מיליאָניקע יידישע פּאָלקס־מאַסן.

---

*) קראָפּאָטקינס ענטפער אויף דער אָנפראַגע פון דעם יונגן ציוניסט איז אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן (אין אַ יידישער איבערזעצונג) אין איינעם פון די בענדער וואָס די ניו-יאָרקער „קראָפּאָטקין ליטעראַטור-געזעלשאַפט” האָט אַרויסגעגעבן. זען ביבליאָגראַפישע רשימה, נומ. 41, צום סוף פון אָט דער בראָשור.

אַפּוואַרפנדיק דעם רעליגיעז־פּאָליטישן ציוניזם האָט אָבער פּ. ק. אַ גוט וואָרט פאַר אַ דריטער שטרעמונג אין ציוניזם — דעם קולטור־ציוניזם, אַלס מיטל פאַר דער גייסטיקער באַנייאונג פון יידישן פאָלק. דאָך וואָלט ער וועלן זען די באַנייאונג אויף די פּלעצער, וואו דאָס יידישע פאָלק לעבט און האָט זיך, אין לויף פון הונדערטער יאָר, אַנטוויקלט דורך זיינע קולטור־שאַפונגען. טאָ קומט ער צו אַזאַ אויספיר:

„זאָל דאָס יידישע פאָלק זיך פאַראייניקן מיט דער ציוויליזירטער וועלט און זאָל עס אַנטוויקלען די אוצרות פון זיין נאַציאָנאַליטעט אינם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון די פעלקער".

אין אַ פריערדיקן אַרטיקל („ליסטקי", נומ. 16, פון 7־טן יוני 1907) — „די נאַציאָנאַלע פראַגע", דריקט פּ. ק. אומדירעקט, אויס מיינונגען וואָס האָבן אַ גאָר נאָענטע באַציאונג אויך צו דער יידישער פראַגע.

„פאַר יעדן לאַנד באַזונדער, שרייבט דאָרט פּ. ק., מוז מען געפינען אַ לייזונג פאַר דער נאַציאָנאַלער פראַגע. נישט גענוג איז זיך צו פאַררופן אויף די יסודות פון אַנאַרכיזם מיט זיין פאָדערונג פון פרייהייט פאַר אַלעמען אָן אונטערשיד פון ראַסע, רעליגיע און נאַציע". באַגריסט דערמיט פּ. ק. קראָפּאָטקין אפילו די קלענסטע פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער, וואָס שטרעבן צו נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט. דורך אַ דערוואַכטן פאָלקס־באַוואוסטזיין — מיינט ער — ווערט לייכטער דער וועג צו אַן אמתן אינטערנאַציאָנאַלן בונד פון דער מענטשהייט. דאָ געפינען מיר אַן אָפּקלאַנג פון די פריער דערמאָנטע אידייען־גענג פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי און ד"ר הילל זאָלאָטאַראָוו, הגם יעדער פון די דריי פרייהייטלעכע וואָרט־פירער איז געקומען צו זיינע אויספירן גאַנץ אומאָפּהענגיק פון די צוויי אַנדערע.

וואָס איז אַ פאָלק? — דערויף ענטפערט פּ. ק. אַזוי: דאָס איז אַ קיבוץ פון מענטשן, פאַרבונדענע צווישן זיך דורך אַ געמיינזאַמער שפּראַך, קולטור, מנהגים און טראַדיציעס. אָט־דער שטריך איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן פאָלק. מ'קען אים נישט בטל מאַכן קינסטלעך אָדער מיט געוואַלט. אַ פאָלק קען לעבן אונטער אַ פרעמדן, אויסלענדישן יאָך, אָבער זיינע נאַטירלעכע, פּסיכישע און קולטורעלע אייגנשאַפטן, לאָזן זיך נישט פאַרניכטן.

באַהעפטנדיק זיך טאַקע מיט דער מאָדערנער קולטור און באַוואוסטזיניק אַרויסטרעטנדיק אויף דער היסטאָרישער אַרענע, פאַרלירן נישט, האַלט פּ. ק., די אונטערדריקטע פעלקער זייערע אידעאַלן. נאָר — אדרבא — זייערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען באַקומען ערשט דעמאָלט די ברייטסטע מאַסן־אונטערשטיצונג. דער אומקלאָרער, מטושטש־עמאָציאָנעלער נאַציאָנאַליזם פון די מאַסן, וואָס האָבן אַ חשד און מורא צו אַלץ וואָס איז זיי פרעמד און נישט־פאַרשטענדלעך; פון די מאַסן וואָס שטרעבן צו אַ מין אינסטינקטיווער זעלבסט־איזאָלירונג פון דער פרעמדער וועלט — דאָס טרעט דאַן אָפּ דעם פּלאַץ פאַר אַ באַוואוסטזיניקער און פאָלקסטימלעכער שטרעבונג צו אַ נאַ־

ציאָנאַלן רענעסאַנס. און דווקא דער פּראָלעטאַריאַט פון אַן אונטערדריק-
טער נאַציע פאַרשטייט, אַז די אויפלעבונג פון אַ נאַציע קען ערשט געמאָלט
זיין ערשט נאָך איר סאָציאַלער באַפרייאונג. אַזוי האָט געטראַכט פּ. ק.

אַנדערש, אין אַ פאַרקערטן דרך, קוקט אויפן ענין דער בורזשואַזער
נאַציאָנאַליזם, וועלכן פּ. ק. פאַרוואַרפט, און וועלכער איז נאָר אַ מאַסקע
אויפן פּרצוף פון נאַציאָנאַלער דאָמינאַציע און פון אימפּעריאַליזם.

אָט ווי פּ. קראָפּאָטקין פּאַסט אויף דעם תוך פון דער היינטצייטיקער
נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכע איז פון אַ לאָקאַלער פראַגע און אַן אינערלעך-
מלוכה'שן פּראָבלעם אויסגעוואַקסן איצט צו אַ פראַגע פון וועלט-פּאַרנעם
און אינטערנאַציאָנאַלער באַדייטונג. דער תוך פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע,
לערנט אונז פּ. ק., באַשטייט אין קאַמף פון די אונטערדריקטע נאַציעס קעגן
דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער פאַרשקלאַפונג דורך דער בורזשואַזיע
און דעם שטאַט. במילא איז קלאָר, אַז די ענדגילטיקע לייזונג פון דער פראַ-
גע איז פאַרבונדן מיטן סאָציאַלן נצחון פון אַרבעטנדיקן פאָלק. אין אַנדערע
ווערטער: ביז די סאָציאַלע פראַגע וועט געלייזט ווערן, איז קוים צו דער-
וואַרטן אַ לייזונג אויך פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם.

קיין שום פאָלק דאַרף נישט גרינגשעצן זיין נאַציאָנאַליטעט, זאָגט פּ.
ק. צו זיינע חסידים און תלמידים. טראָגט דאָך יעדע נאַציע אַריין אירע
אוצרות אין דער אַלגעמיינער שאַץ-קאַמער פון די מענטשלעכע קולטור-
אוצרות. און די נאַציע טוט עס דאַן, ווען זי, ווי איין נאַציע אַזוי אַלע
אַנדערע, אַנטוויקלט איר שפּראַך, איר קולטור, אירע שעפערישע אייגנ-
שאַפטן און געדאַנקען-אייגנטימלעכקייטן. צום שלוס פון זיין לאַנגן אַרטיקל
איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע מאַכט פּ. ק. אַ פּאָר ספּעציעלע באַמערקונ-
גען אין שייכות צו יידן, דהיינו:

> איך בין באַקאַנט מיט עטלעכע ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון יידישן גע-
> דאַנקען-אופן און שאַפונג-כוח, מיטן הומאָר און טרויער, מוזיק און קאָמיזם,
> איך קען זיי און כ'שעץ זיי: מיר גיט פרייד צו זען אַ פאָלקס-אָפּשפּיגלונג אין
> קונסט און ליטעראַטור, און כ'האַלט יידיש פאַר אַ שפּראַך, וועלכע עס לוינט זיך
> צו אַנטוויקלען און צו פאַרפולקאָמען.

נאָך אַ קלאָרערן אויסדרוק פון פּ. קראָפּאָטקינס פּאָזיטישער שטעלונג
צו מאָדערנע יידישע קולטור-שאַפונגען אין דער פאָלקס-שפּראַך (יידיש)
געפינט מען אין דער דער פאָררעדע וואָס קראָפּאָטקין האָט ספּעציעל גע-
שריבן צו דער יידישער איבערזעצונג פון זיין „קעגנזייטיקער הילף ביי
חיות און מענטשן אַלס פאַקטאָר פון דער אַנטוויקלונג", אַן איבערזעצונג
געמאַכט פון ד"ר י. א. מעריסאָן פאַר דער „קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעל-
שאַפט" אין 1913.

אין זיין ספּעציעלער פאָררעדע שרייבט פּ. ק. וועגן דעם גרויסן פאַר-

גניגן, וואָס דער פאַקט פון אַ יידישער איבערזעצונג פאַרשאַפט אים, דער־ביי ברענגט ער אַרויס דעם געדאַנק, אַז

דער זיכערסטער וועג, ווי אַזוי אַריינצוברענגען אַ האַרמאָניע פון באַ־שטרעבונגען צווישן פאַרשידענע נאַציעס, איז — אַז יעדער טייל פון דער מענטש־הייט זאָל ווייטער אַנטוויקלען און רייכער מאַכן די שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט פון די מאַסן פון אָט־דעם טייל פון דער מענטשהייט, אַז דאָס איז דער זיכער־סטער וועג צו סטימולירן יעדע נאַציאָנאַליטעט צו אַנטוויקלען דאָס בעסטע, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער אין איר אייגענער סביבה... דער זיכערסטער וועג צו באַרייכערן אונזער אַלגעמיינע ירושה מיט אַלע יענע נאַציאָנאַלע שטריכן, וועלכע האָבן אַ ספּעציעלן ווערט פאַר די פילאָזאָפישע באַגריפן, „דער פּאָעזיע און דער קונסט". דעריבער פרייט פ. ק. צו זען זיין „קאָגנזיוטיקע הילף" געדרוקט אין אַ שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט פון אַ היפּשן טייל פון דער מענטשהייט און וואָס האָט שוין אַן אייגענע אָריגינעלע ליטע־ראַטור, וועלכע טראָגט אַריין די יידישע פאָלקסאייגענע, נאַציאָנאַלע שטריכן אין די אַלגעמיינע אוצרות פון דער מענטשהייט.

אין אָט־דער הקדמה באַטאָנט אויך פ. ק., אַז ערשט האָבנדיק אַנט־וויקלט זיין אייגענע שפּראַך, אויף וועלכער דאָס פאָלק רעדט, וועלן אַלע פעלקער קענען איינשטימען צווישן זיך מכח דער איין שפּראַך, אָדער די צוויי שפּראַכן, וואָס וועלן אָנגענומען ווערן אַלס דער הויפּט־מיטל פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלן פאַרקער.

אויף אַזאַ אופן וויל פ. ק. ווייזן, ווי אַזוי דער דערוואַכטער קולטור־נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין פון יידישן פאָלק קען אינגאַנצן און סיסטעמאַ־טיש פאַרבונדן ווערן מיט אַ פּראָגרעסיוון, אויף פרייוויליקייט און סאָלי־דאַריטעט געבויטן, אינטערנאַציאָנאַליזם פון אַ פאַראייניקטער, פעדעראַ־טיווער מענטשהייט.

## 7. עקספּערימענטן אין קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע

אַ קורצע צייט נאָך דער גרינדונג (אין 1911) פון דער ערשטער ארץ־ישראלדיקער קבוצה דגניה א׳ (אָבער אומאָפּהענגיק פון איר) האָט אַ גרופּע פון יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע (דערהויפּט פון ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע) אויסגעאַרבעט אַן אַמביציעזן קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט. דאָס איז געווען אַ פּאָר יאָר פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. צווישן די מיטגלידער פון דער גרופּע זיינען געווען מערערע יידישע אַנאַר־כיסטן און אַנאַרכיסטיש־געשטימטע אַרבעטער. די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָ־ניע — „קלאַריאָן״, איז געגרינדעט געוואָרן אין שטאַט יוטאה, אין דער וויטער אַמעריקאַנער „וועסט״ (מערב־טייל פון לאַנד). דער עקספּערי־מענט האָט געדויערט ביז 1915 און האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל.

אַן אָנטיילנעמער אין אָט־דעם עקספּערימענט, א. ווערניק, האָט אַזוי באַשריבן די אורזאַכן פון דורכפאַל („פר. ארב. שט.״ פון 2־טן און 9־טן מערץ, 1945).

> די הויפּט־אורזאַך פון עקאָנאָמישן דורכפאַל איז געווען די אומוויסנקייט ווי אַזוי אָנצוגיין מיט דער פאַרם־אַרבעט. דער פירער איז נישט געווען גענוג קאָמפּעטענט פאַר דער אויפגאַבע... ס׳האָט אים אויסגעפעלט וויסן וועגן קינסט־לערישער באַוואַסערונג, וואָס איז דער הויפּט־תנאי פון דערפאָלגרייכער פאַר־מערוי אין יענעם טייל פון לאַנד... ס׳איז אויך אויסגעקומען צו ליידן פון נאַטור־שוועריקייטן, ווי שטורעמס, פאַרפלייצונגען, און נישט אַלע האָבן בכלל געקענט אויסשטיין דאָס פּיאָנערעווען אין אַלגעמיין... מ׳קען אויך זאָגן, אַז די נישט־פּראַקטישקייט אין דער אָנפאַנג־צייט האָט הויפּטזעכלעך געפירט צום אונ־טערגאַנג פון דער קאָלאָניע.

דער לעבעדיקער אינטערעס צו קאָלאָניזאַציע צווישן יידישע פרייד־הייטלעכע סאָציאַליסטן, אין די יאָרן 1915—1920, האָט אָבער אָנגע־האַלטן ווייטער. דאָך האָט ער אָנגענומען אַ גאַנץ נייע פאָרם. דאָס זיינען געווען האַלבע „גאָרטן־שטעטלעך״, ווי סטעלטאָן און טשאַטאַם אין שטאַט ניו דזשוירזי און די קאָלאָניע מאָהיגען אין שטאַט ניו־יאָרק, אַלע דריי נישט מער ווי אַ פּאָר צענדליק מייל ווייט פון ניו־יאָרק. פון די „קאָלאָניעס״ האָט מען לייכט געקענט פאָרן צו דער אַרבעט אין ניו־יאָרק. אָבער צו אַן אמתער, אינטענסיווער ערד־אַרבעט זיינען די דאָזיקע קאָלאָניעס נישט געווען צוגעפּאַסט, און נישט דאָס האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, באַצוועקט. עס האָט פיל באַקוועמער און לייכטער, איידער צו ווערן פאַרמערס, גע־מוזט זיין צו בלייבן ביי די געוויינלעכע שטאָטישע באַשעפטיקונגען אין פאַבריקן, ביוראָס און קראָמען, וואוינענדיק דאָך הינטער דער שטאָט, נאָענט צו דער נאַטור. און דאָך זיינען אָט־די קאָלאָניעס געווים געווען אַ פּאָזיטיווער אויפטו פון די יידישע אַנאַרכיסטן, אַ דערגרייכונג אין וועל־

בער ס'האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט דער לאַנגיאָריקער אַמעריקאַנער חבר הערי קעלי.

אָט־די יידן־אַנאַרכיסטן (אַ קליינע מינדערהייט, זיינען געווען איטאַ־ליענער א. אַנד.), זיינען אין אַ געוויסן זין געווען פּיאָנערן פון אַ נייעם האַלב־קאָאָפּעראַטיוון לעבנס־שטייגער. אין זיי האָבן זיך איינגעפלאַנצט געוואוינהייטן פון קאָאָפּעראַטיווע פירונגען אויפן קולטורעלן אַזוי גוט ווי אויפן עקאָנאָמישן געביט, ווי קלובן, שולן, קראָמען א. אז. וו. און דאָס איז בישלעכווייז אריינגעדרונגען אין דער פּסיכיק פון מענטשן, וואָס האָבן לויט זייער גאַנצער פריערדיקער גרויסשטאָטישער איינשטעלונג צום לעבן געמוזט פּראַקטיש (אין קעגנזאַץ צו דער אַבסטראַקטער אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער טעאָריע) זיין מער אינדיווידואַליסטיש, ווי קאָלעקטיוויס־טיש, געשטימט.

דער גרעסטער קאָלאָניזאַציע־עקספּערימענט, וואָס איז אונטערגענו־מען געוואָרן פון די אַמעריקאַנער אַנאַרכיסטן־יידן, שוין שפּעטער צו, נאָך 1930, איז געווען די סאַנרייז פאַרמעריי־קאָלאָניע אין שטאַט מישיגאַן. געגרינדעט אין 1933. אין איר האָבן אינם ערשטן יאָר געלעבט 216 נפשות — נאָר יידן. נישט קוקנדיק אויפן פאַרמערישן דערפאָלג פון אַזאַ אונטערנעמונג, האָט מען זי געמוזט ליקווידירן אין 1936 און דאָס אייגנ־טום איז אַריבערגעגאַנגען צו אַ שטאַטלעכן אַמט — די „פעדעראַל רי־סעטלעמענט אדמיניסטריישאָן".

אָט־די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע, אין שפּיץ פון וועלכער ס'איז גע־שטאַנען אַ יידישער אַנאַרכיסט מיט אַ לאַנג־יעריקן סטאַזש אין דער באַ־וועגונג און פאַר 12 יאָר צייט רעדאַקטאָר פון דער „פר. אַרב. שט.", יוסף קאָהאַן, אַ מענטש מיט אַן אַנטשלאָסענעם ווילן און גרויסער ענערגיע; אויך אָט־די קאָלאָניע איז גיך דורכגעפאַלן. ס'האָט מיטגעווירקט דערביי דאָס אַריבערגייען פון שווערן עקאָנאָמישן קריזיס אין אַמעריקע (1930—1933), ווען אַ סך געוועזענע קליינבירגערלעכע און אַרבעטער־עלעמענטן האָבן ווידער באַקומען מעגלעכקייטן צו פאַרדינען אויפן לעבן. אָבער אַנטשיידנדיק פאַרן שלעכטן אויסגאַנג זיינען געווען פסיכאָלאָגישע אור־זאַכן. דאָ האָט מען געקענט זען, ווי אַ קאָאָפּעראַטיווער ישוב, און דווקא אונטער אויסגעצייכנטע פיזישע באַדינגונגען, איז זיך צעפאַלן, ווייל די אָנטיילנעמער זיינען נישט געווען ריכטיק אָפּגעקליבן. סאָציאָלאָגן־פּאָב־ליט, אַנאַליזירנדיק די סיבות פון „סאַנרייז"'ס אונטערגאַנג זיינען גע־קומען צו אַזאַ אויספיר: ריין־ראַציאָנאַלע טעאָריעס, ווי די אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישע אידייען, אַלס דער פונדאַמענט פון אַזאַ „אינטעגראַל־קאָ־אָפּעראַטיווער" קאָלאָניע זיינען נאָך נישט בכח אָפּצוהיטן פון אינערלעכע ריבונגען און רייסערייען. דער סוד פון דערפאָלג פון ענלעכע אונטערנע־מונגען ליגט אין די פּערזענלעכע פעאיקייטן פון די אָנטיילנעמער צו קע־

נען שטימען מיט די מיטמענטשן, מיט די מיטאַרבעטער, ווי דאָס קען קומען דורך אַ קעגנזייטיק - ספּאָנטאַנער (ד. ה. פרייוויליקער און דאָך סימפּאַטיזירנדיקער, לויטן כלל פון „פרייהייט און סאָלידאַריטעט") אויס־זוכונג און צוציאונג פון חברים־קאָפּעראַטאָרן. (13).

פון דער צווייטער זייט אָבער, האָבן די יידישע אַנאַרכיסטן אין אַמע־ריקע, אַנטוישט פון אַ לאַנגער ריי דורכגעפאַלענע קאָלאָניזאַציע־פּראָבעס, געזען און פיל געהערט וועגן די דערפאָלגן פון די ארץ־ישראלדיקע קבוצות. דאָרט, אין פּאַלעסטינע, האָבן גרופּעס פון פּיאָנערן, אידעאַליסטישע אַר־בעטער, איינגאַנצן פאַרגעסן פון „מיין" און „דיין" און געלעבט אין איינקלאַנג מיט דער גרונט־פאָרמולע פון דעם סאָציאַלן ראַדיקאַליזם אין די לעצטע 100 יאָר: פון יעדן לויט זיינע פעאיקייטן, צו יעדן לויט זיינע באַדערפענישן! נאָך מער: מען זעט ווי די דאָזיקע פּיאָנערן (חלוצים) זיינען בכח דורכצופירן אין לעבן גרויסע און שווערע אויפגאַבן פון באָדן־אויסבעסערונג, ד. ה. פון רעקלאַמאַציע און אויך פון רעקאָנסטרוקציע, שווער־פיזישע אַרבעטן וועלכע קיין שום באַצאָלטער אַרבעטער, אַ לוין־שקלאַף, וואָלט נישט געווען גרייט צו טאָן פאַר געלט.

אָט־דער אויסערגעוויינלעכער אויפטו פון פּראַקטישן אידעאַליזם אין פּאַלעסטינע איז געווען דער פּראָדוקט, דער פּועל־יוצא, פון די טיף־דורכגע־פילטע נאַציאָנאַלע סענטימענטן, פון אַ ווילן זיך אויפהאַלטן ביים לעבן ווי מענטשן־יידן און ווי סאָציאַליסטישע אַרבעטער. זיי האָבן — אַזוי פלעגן רעדן זייערע פריינט אין אַמעריקע, צווישן זיי נישט ווייניק אַנאַרכיסטן, — אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, אָן אַ באַמבאַסטישער זעלבסט־באַרימערישער פּראָפּאַגאַנדע, געוויזן דער גאַנצער וועלט, ווי אַזוי וואָלט געקאָנט פאַר־ווירקלעכט ווערן דער דערמאָנטער לאָזונג פון פרייען סאָציאַליזם און קאָ־מוניזם: צו יעדן לויט זיינע נויטן און באַדערפענישן און פון יעדן לויט זיינע אַרבעטס־פעאיקייטן.

אונטערן איינפלוס פון אָט־דעם נייעם באַוויז פון דעם כלל, אַז גאָר גרויסע רעזערוון פון סאָציאַל־קאָנסטרוקטיווע כוחות ליגן נאָך אין יידישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אידעאַלן און שטרעבונגען, האָט זיך אַ גרויסע אי־בערקערעניש אָפּגעשפּילט אין היפּשע טיילן פון די יידיש־אַנאַרכיסטישע רייען איבער דער וועלט. דערצו האָט נאָך מיטגעשפּילט דער יאוש און די אַנטוישונג־סענטימענטן פון כעס און פאַרצווייפלונג קעגן אַ קאַלטער, רוצ־חישער וועלט וואָס האָט (מיט געוויסע אויסנאַמען) בעת דער מלחמה גע־דולדיק צוגעזען, און נישט געהאָלפן, בעת היטלער, דער „דייטשישער פּי־

---

13) זען „פר. אַרב. שט." פון 2־טן יאַנואַר 1948, וואו עס ווערט באַ־באַהאַנדלט דאָס בוך:
H. F. Infield: **Cooperative Communities at Work**, New-York, 1945.

רער", צוזאַמען מיט מענטשן־בעסטיעס פון אַנדערע פעלקער, האָט מי־ליאָנען יידן, אומשולדיקע און נישט־מלחמה פירנדיקע מענטשן, אומגע־בראַכט דורך די ברוטאַלסטע, גרויליקסטע מיטלען און וויסנשאַפטלעכע מע־טאָדן.

דער פועל־יוצא פון דעם אַלעם איז געווען אַ גייסטיקע אומוואַנדלונג, כמעט ווי איבער איין נאַכט. אָנשטאָט די אַלטע, הגם נישט דורכזיכטיק־קלאָרע, אָבער דאָך פאַנאַטיש־פעסטע, קאָסמאָפּאָליטישע איבערצייגונגען, האָבן זיך, כמעט פּלוצלינג, איינגעגעסטיקט אין די קעפּ פון אומצייליקע אַלטע און יונגע יידישע אַנאַרכיסטן די ריין נאַציאָנאַלע אַנזיכטן, נישט ווייניקער אויסגעשפּראָכענע אין זייער סענטימענט פון טיפער סימפּאַטיע צו דעם ישראל־ווידעראויפבוי, ווי די פועלי־ציוניסטישע שטרעמונגען אויףביידע זייטן פון אַטלאַנטיק.

מיט דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה (מאַי 1948), האָט די פּרי־ערדיקע צוגעבונדנקייט פון אַ סך יידישע פרייהייטלעכע סאָציאַליסטן צום אידעאַל פון אַ פרייען און אומאָפּהענגיקן יידישן אַרבעטער־ישוב אין אַן אַלט־נייעם נאַציאָנאַלן היימלאַנד, ישראל, זיך נאָך פאַרשטאַרקט אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס. מען קען גוט פאַרשטיין, ווי אַזוי די קבוצות אין ישראל, אַלס אַ סאָציאַלער עקספּערימענט, וועלכער איז נישט דורכ־געפאַלן, האָט צוגעצויגן און סטימולירט פרייהייטלעך־געשטימטע און באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, סיי נישט־יידן, סיי — גאָר באַזונדערס — יידן. ביי אַ סך געטרייע און לאַנגיאָריקע יידישע אַנאַרכיסטן איז די אַנער־קענונג און באַוואונדערונג פון דעם קבוצה־גייסט כמעט גלייכצייטיק גע־קומען מיט דער אַנערקענונג פון די ענדצילן פון פּאָליטישן ציוניזם גופא. דאָך וואָלטן זיי געמעגט זיך טיפער פאַרטראַכטן אויך וועגן אַ פּאָר אַנדערע מאָמענטן.

ריין היסטאָריש גענומען, איז דאָך פּאַלעסטינע, קיינמאָל אין דעם גאַנג פון דער גאַנצער ביז־איצטיקער געשיכטע, נישט געווען אַ לאַנד פון בלויז איין פאָלק. דאָס וועט מסתם אַזוי בלייבן, ווי עס זעט אויס, אויף ווייטער. דאָס, ווידער, מיינט, אַז אַ געזונטער און גליקלעכער יידישער צוזאַמענ־לעבן אין דעם דערוואַכטן און זיך אויפבויענדיקן לאַנד וועט נאָר קענען געמאָלט זיין אויף אַ באַזיס פון אַ פרידלעכן און פעדעראַטיוון בונד און פאַרבאַנד פון פאַרשידענע באַזונדערע עטניש־קולטורעלע גרופּן. אָבער אויב נישט אויף אַזאַ יסוד, וועט דאָך אויך די גאַנצע היינטצייטיקע וועלט צו אַ דויערנדיקן גלייכגעוויכט און אויסגלייך פון די שטרייטנדיקע אינ־טערעסן נישט קענען קומען. פאַרקערט, זי וועט זיך אַלץ שנעלער און אימפּעטיקער קייקלען צום אָפּגרונט פון אַ מוראדיקן חורבן און אומקום. און, פון דער צווייטער זייט, זאָל די וועלט זיך אַלץ מער און מער דער־נענטערן צו אַ פאַרווירקלעכטן אידעאַל פון אַ פעלקער־פאַרברידערונג און

אַלוועלטלעכער פעדעראַציע, טאָ וועט דאַן ווייניק זין און ממשות האָבן די טענה, אַז דאָס פּולע און שעפערישע אויסלעבן זיך פון יידן, מיט אַלע זייערע עטניש־קולטורעלע אייגנשאַפטן און טענדענצן, קען און דאַרף זיך אָפּשפּילן נאָר אין דער זעלבסט־איזאָלירונג פון אַן „אייגענעם" פּאָליטיש־געאָגראַפישן צענטער ישראל. קיינמאָל אין די לעצטע 2.000 יאָר האָט די מערהייט פון יידישן פאָלק זיך נישט געפונען אין לאַנד ישראל, און אויך קיינמאָל אין אָט־דער לאַנגער היסטאָרישער תקופה זיינען אַלע גרויסע, אייביקע יידישע קולטור־ווערק נישט געשאַפן געוואָרן נאָר אין „ארץ ישראל".

דער שייכות פון יעדן קליינעם לאַנד, היינט צו טאָג, מיט דער וועלט־פּאָליטיק און וועלט־עקאָנאָמיק איז אַזוי קלאָר, אַז ס'דאַרף פאַר יעדן ניכטער־דענקנדיקן מענטשן זיין פאַרשטענדלעך, ווי אָפּהענגיק און פאַרבונדן די כלומרשט זעלבסטשטענדיקע ישראל־מדינה מוז און וועט זיין מיט די ריזיק־מעכטיקע אויסערלעכע פאַקטאָרן, מאַכט־פּאָליטישע לויט זייער נאַטור, — ד. ה. צו וועלט־דאָמינירונג שטרעבנדיקע. זיי וועלן האָבן די לעצטע דעה איבער אַלע גורל־פראַגן אויך פון קליינעם לאַנד ישראל.

אַרום 30 יאָר צייט האָבן די ארץ־ישראלדיקע קבוצות געקענט לעבן און וואַקסן אין אַ היפּש־איזאָלירטער, געשיצטער אַטמאָספער און סביבה פון אַ רואיק־פּלאַנירטער און גוט־קאָנטראָלירטער אומגעבונג, געניסנדיק פון אַן אינעווייניקסטער אויטאָנאָמיע און ביי אַ מינימום פון אויסערלעכער אַריינמישונג. איצט איז די לאַגע אַ גאַנץ אַנדערע: פון איין זייט די שטורמישע מאַסן־אימיגראַציע פון יידן פאַר וועלכע אַרבעט־געלעגנהייטן מוזן, און וואָס שנעלער, געשאַפן ווערן. פון קיין פּאַסיקן אָפּקלייב און צוגרייטונג פון געהעריקן מענטשן־מאַטעריאַל פאַר די קבוצות לאָזט זיך אין אַזאַ סיטואַציע כמעט גאָרנישט ריידן. פון דער צווייטער זייט, וועט אַ גרויסע ראָלע מוזן באַלד אויספאַלן אויך אויף דער נייער „אייגענער" רעגירונג, מיט די אַלגעמיין־מלוכה'שע טענדענצן צום צענטראַליזם, ביוראָקראַטיזם, און מיט אַ חשק צו אַן אומאויפהערלעכער אַריינמישונג אין אַלע אויטאָנאָמע און פרייע פאַראייניקונגען פון גלייכגעשטימטע מענטשן וואָס זיי אַלע זיינען אַנטשלאָסן צו אַרבעטן און דינען דעם אידעאַל פון אַ נייעם גערעכטן סדר פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. ווי וועט די רעגירונג זיך פאַרהאַלטן צו די קבוצות, די פּריווויליק־קאָמוניסטישע „פּולע קאָאָפּעראַטיוון"? אמת, זיי האָבן טאַקע ביז איצט די פּראָבע אויסגעהאַלטן און טאַקע אַלס וויכטיקער סאָציאַלער עקספּערימענט; אָבער וואָס זייער פּאָזיציע וועט זיין אונטער די נייע אומשטענדן פון לאַנד ישראל, איז נאָך אַלץ אומקלאָר און פּראָבלעמאַטיש. מעגלעך אַז די עמאַנציפּאַנעלע באַגייסטערונג, די דערוואַכטע, בעתן מוראדיקן יידישן חורבן אייראָפּע, נאַציאָנאַלע סענטימענטן און בענקענישן, האָבן נישט ווייניק יידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן טאַקע דערפירט אפשר צום שוועל פון פּאָלי־

טישן ציוניזם. אָבער — אויב זיי וועלן בלייבן געטריי דעם פרייהייטלעכן אידעאַל, דעם אידעאַל פון אַ געזעלשאַפט אָן צוואַנג און אָן עקספּלואַטאַציע, וועלן זיי דאָך נישט קענען שטיין בלייבן ביים אומקלאָרן, מטושטשדיקן ענדציל פון פּאָליטישן ציוניזם (14). אין זיין סאָציאַל־עטנישער זעלבסט־איזאָלירונג, ד. ה. אין זיין „עטנאָ־צענטריזם" (קאָנצענטרירן אַלע האָפענונגען אויף סאָציאַלער גאולה און ישועה בלויז אויף דעם גורל פון איין־איינציקן פאָלק, מעג דאָס אפילו זיין דאָס אייגן פאָלק) באַהאַנדלט דאָך דער ציוניזם די יידישע פראַגע אָן אַ טיפער פאַרבונדנקייט מיט די גרויסע „צענטראַלע" וועלט־פראַגן פון דער היינטיקער צייט. און דאָס איז דאָך אַ „תקופה פון איין וועלט", פון וועלט־פאַראייניקונג. דער אַנאַרכאָ־סאָציאַליסט, פון דער צווייטער זייט, שטעלט אַוועק, קלאָר און באַוואוסטזיניק, דאָס יידן־פּראָבלעם אין אַ שייכות מיט דעם פילזייטיקן סאָציאַלן און קולטורעלן קריזיס פון אונזער צייט מיט אַלע אירע ברענענדיקע טייל־פּראָבלעמען, ווי אינדוסטריאַליזם, דעמאָקראַטיע, עקאָנאָמישע גערעכטיקייט און פּאָליטישע פרייהייט.

במילא זיינען די נייע, די ניי־אויפגעקומענע שטרעמונגען פון אַזוי־גערופענעם אַנאַרכאָ־ציוניזם אפשר נאָך אָן אומקלאָרערע אידעאָלאָגיע ווי די אַלטע, און אַזאַ וואָס איז פאַרבונדן מיט געוויסע ווידערשפּרוכן; אַ מער מטושטשדיקע אידעאָלאָגיע ווי דער פריערדיקער, אויך היפּש־אומקלאָרער, קאָסמאָפּאָליטישער גלויבן ביי די פּיאָנערן און די גרינדער פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע (פון זיי איז דער דיכטער דוד עדעלשטאַט געווען דער גרעסטער און איינפלוסרייכסטער). דער גרונט־שטריך, אויב נישט די מעלה פון דער נייער שטרעמונג איז מסתמא איר זייער מו־טיקער במעט מוטוויליקער (אין אָנזיכט פון די אַלגעמיינע פּראָבלעמען און שוועריקייטן) אָפּטימיזם, אַ גאַנץ אומקריטישער און אַן אומבאַשרענקטער; און אַ נישט ווייניקער אינטענסיווער ווי דער אָפּטימיזם פון די סאַמע ערשטע פרעדיקער פון אַן אַבסטראַקטן, בלוטלאָזן קאָסמאָפּאָליטיזם־עגאַליטאַריזם (אויסמישונג פון אַלע פעלקער אין איין טעאָרעטיש־גלייכער „מענטשהייט") אויף דער יידישער גאַס. די ניי־באַקערטע, ווי אַלע וויסן, צייכענען זיך שטענדיק אויס מיט אַן אָפּטימיזם, אָן אַ סוף און אַ ברעג, אין באַצוג צו די דאָגמאַטן און עיקרים פון זייער נייעם גלויבן.

---

14) אַפילו די פרייהייטלעך־געשטימטע, לאַנג־יאָריקע חלוצים־בויער פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, ווי למשל דער גוט־באַקאַנטער אין ישוב געוויסנס־קעגנער פון מלחמה כתן חפשי פון כהלל, אַ נאָכפאָלגער פון א. ד. גאָרדאָן דער ארץ ישראלדיקער און אוניווערסאַל־עטישער דענקער (40 יאָר אין ארץ־ישראל) באַצווייפלט די ריכטיקייט פון פּאָליטישן ציוניזם, ד. ה. פון אַ יידישן שטאַטלעך־פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם, אַלס יסוד פון אַ געזונטן יידיש־טעריטאָריאַלן צענטער („פר. אַרב. שט." פון 17־טן מערץ און פון 9־טן יוני 1950).

# 8. סך־הכּלען און אויספירן

אַלס קינדער פון אַן אַלטן און פיל־געליטענעם פאָלק, זיינען די יידישע אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטן, אפשר נאָך מער ווי זייערע נישט־יידישע חברים, געניגט צו פאַרהערלעכן דעם ענדציל פון אַנאַרכיזם, דאָס הייסט דעם אידעאַל פון „אַ פרייען מענטשן אין אַ פרייער געזעלשאַפט". במילא געפינט מען דווקא ביי די יידישע אַנאַרכיסטן די הייסטע, סאַמע־איבערצייגטע פאַרטיידיקער און פרעדיקער פון דעם גלויבן, אַז קיין מענטש קען און וועט נישט זיין אַזוי סאָציאַל־געשטימט אַזוי סאָלידאַריש און אויפריכטיק פאַרבונדן מיט זייערע מענטשן, ווי דער פרייער מענטש. און מיינען מיינט עס אָט־וואָס: וואָס מער דעם יחידס מיטמענטשן וועלן זיין אַנטוויקלט און גליקלעך, אַלץ גרעסער און זיכערער וועט זיין דעם יחידס פרייהייט. אין אַ מין העכערן, פילאָזאָפישן סינטעז פאָרט זיך דאָ פרייהייט און זיכערקייט אין אַ נישט צו צעטיילנדיקער איינהייט.

און דאָ קומט, ערשטנס, אַריין דער אומשטאַנד, אַז קיין אַנדערע פּאָליטישע אידייען־שטרעמונג ביי יידן, חוץ דער אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישער, איז נישט אַזוי ענג און פעסט פאַרבונדן מיטן אידעאַל און דער שטרעבונג צו אַ נייער, אַ קאָאָפּעראַטיווער און געוואַלטלאָזער און אויף פרייוויליקייט אויפגעבויטער וועלט־אָרדענונג.

בקיצור, די יידישע אַנאַרכיסטן און ספּעציעל די פון זיי, וואָס פאַרזעען נישט די יידישע פראַגע, האָבן אַריינצוטראָגן אַ וויכטיקן און אייגנאַרטיקן צושטייער פאַר דער לייזונג פון אָט־דער פראַגע. דער ביישטייער באַשטייט אין דעם פאַרטיפטן פאַרזוך אַריינצופירן אָט־די דאָרנדיקע און לאַנג־באַשטייענדיקע יידישע פראַגע אין אַ ברייטער, ממש אוניווערסאַלער ראַם (אָדער „ראַם פון רעפערענץ", ווי מען דריקט זיך עס היינט אויס אין דער וועלט פון סאָציאַלע און נאַטור־וויסנשאַפטן), ד. ה. פאַרבינדן די יידישע פראַגע דווקא מיט ברייטערע, גרעסערע אומשטענדן, צילן און פאַקטאָרן, צו וועלכע זי האָט אַ זייער נאָענטע שייכות, דאָס מיינט — אַ לאָגישע, סאָציאָלאָגישע, היסטאָרישע און קולטור־געשיכטלעכע פאַרבינדונג. אין קעגנזאַץ צום „עטנאָ־צענטרישן" צוגאַנג צו דעם יידישן פּראָבלעם מצד אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען ביי יידן ווערט זי, אָט־די פראַגע, פון דעם פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט אויפגענומען פיל ברייטער און טיפער. די לייזונג פון דער פראַגע ווערט נעמלעך פאַרבונדן נישט מיט שלאָגווערטער און אַבסטראַקטע און קעגנגעזעצטע באַגריפן, אָפט אָן אַ קלאָרן אינהאַלט און באַדייטונג, ווי „נאַציאָנאַליזם" אָדער „אַסימילאַציע", נאָר מיט אַ פיל פונדאַמענטאַלערער און אַקטועלערער אידייע. דאָס איז די אידייע פון דער סאָציאַלער רעאָרגאַניזאַציע אָדער רעגענעראַציע פונם היינטצייטיקן סדר אין מענטשלעכן צוזאַמענלעבן מיט

זיין מאָראַלישן קריזיס און געזעלשאַפטלעכער ירידה, וואָס האָבן די מענטשהייט שוין דערפירט צום ראַנד פון אָפּגרונט, צום שוועל פון אַ טאָטאַלן חורבן און אונטערגאַנג. אין דער וועלט־פאַרבעסערונג, מיינט עס, קען און וועט נישט געפונען ווערן קיין לייזונג אויך פאַר דער יידישער פראַגע. דאָס האָבן די גרינדער פון יידישן פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישן גוט פאַרשטאַנען, און האָבן געזוכט עס אַרויסצוברענגען פאַר אַנדערע. מערסטנס איז אָבער דער קול זייערער איבערגעשריען אָדער — פאַרקערט — פאַרשוויגן געוואָרן פון די אַנדערע, מיט מיטלען פון פאַרטיי־פּאָליטישן ליאַרם און דעמאַגאָגישער פאַרפירונג אָפּערירנדיקע ריכטונגען און באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס.

צווייטנס, באַשטייט דער ספּעציפישער שטריך פון דער יידיש־אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע, אין איר טעאָריע און פּראַקטיק, אין אַזאַ זעלטענער אין אונזער צייט און וועלט איינגנשאַפט ווי טאָלעראַנץ און ברייטהאַרציקייט אין באַצוג צום פרייען אויסדרוק פאַר יעדער ערלעכער מיינונג און קריטיק. מיט אַזאַ גייסטיקער פרייהייט; מיטן גלויבן, למשל, אין פּרעסע־פרייהייט, צייכענען זיך אויס פון ערשטן טאָג אָן, פון די צייטן פון דער ערשטער „פרייער אַרבעטער שטימע" (געגרינדעט אין ניו־יאָרק אין 1890) אַלע יידישע אַנאַרכיסטישע צייטונגען און זשורנאַלן (15). אַן אויסדרוק פון אָט־דער גייסטיקער טאָלעראַנץ און פרייהייט קען מען אויך זעען אין דער געטרייער איבערגעבנקייט פון דער יידישער פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישער באַוועגונג צו אַ געזונטער קולטור־דערציערישער טעטיקייט און בילדונג־אַרבעט אַלס מיטלען צו וועקן ביי די מענטשן די שטרעבונג צו זעלבסט־באַפרייאונג און צו סאָציאַלער אַנטוויקלונג — דורך צוגרייטן אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אויף די יסודות פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און אינדיווידועלער גייסטיקער דערהייבונג, דורך זעלבסט־שטענדיק טראַכטן און אויפקלערונג.

עס איז אַ לאָגישער פועל־יוצא פון פרייהייטלעכן צוגאַנג צום ענין אויפקלערונג און דערציאונג, אַז די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער פּרעסע (די „פרייע אַרבעטער שטימע" אין ניו־יאָרק,

---

15) די ערשטע „פר. אַרב. שט." - רעדאַקטאָרן (פון יולי ביז סוף דעצעמבער 1890) זיינען געווען ראָמאַן לואיס און י. מ. מעריסאָן; די שפּעטערדיקע זיינען געווען — דוד עדעלשטאַט (ביז סוף יאַנואַר 1892). משה קאַטץ און אַנד. — ביז 1895. אויף עטלעכע יאָר צייט האָט די „פר. אַרב. שט." זיך אָפּגעשטעלט; ש. יאַנאָווסקי — פון אָקטאָבער 1899 ביז האַרבסט 1919. פון דעצעמבער ביז אָקטאָבער 1921 זיינען די רעדאַקטאָרן געווען משה קאַטץ און חיים קאַנטאַראָוויטש. פון אָקטאָבער 1921 ביזן אָנהייב יאָר 1933 — יוסף קאַהאַן. נאָך אים אַ קורצע צייט ווידער ש. יאַנאָווסקי (מיט דער מיטהילף פון א. פרומקין); פון סוף 1934 ביז סעפּטעמבער 1940 — מ. מראַטשני; און פון סעפּטעמבער 1940 ביז איצט דעצעמבער 1950 — ד"ר הערמאַן פראַנק.

און דער „אַרב. פריינד" אין לאָנדאָן) האָבן יאָרנלאַנג געדינט דער קול־טורעלער דערהייבונג פון די יידישע אַרבעטער קרייזן, וואָס יידיש איז זייער איינציקע קולטור־שפּראַך. ספּעציעל די „פר. אַרב. שט." ווי שוין דערמאָנט אין 3־טן קאַפּיטל, האָט געהאָלפן צו פאַרפיינערן דעם גייסט און געשמאַק פון אירע לעזער, דורך אָפּגעבן זיך מיט יידישע און אַלגע־מיינע קולטור־פּראָבלעמען, ווי טעאַטער, ליטעראַטור, קונסט, פּאָפּולערע וויסנשאַפט א. ד. גל.

דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז נישט קיין קלענערער אויטאָריטעט אין דער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע ווי פּעטער קראָפּאָטקין האָט — ווי מיר האָבן שוין געוויזן אין קאַפּ. 6 — דייטלעך און קלאָר גוטגעהייסן אויך לגבי יידן דעם פּרינציפּ פון קולטורעלער זעלבסטבאַשטימונג, אַלס אַ מיטגעבוירן־רעכט פאַר יעדן פאָלק. דאָס מיינט, ער האָט געזען און אַנערקענט די יידן אַלס זעלבסטשטענדיקע עטנישע גרופּע. זיי קענען און מעגן, לויט קראָפּאָטקינען נאָך, זיך פריי אויסלעבן אויף זייער שטייגער און אין זייער שפּראַך, אויף די יסודות פון אַ רייפער מענטשלעכער פּער־זענלעכקייט און פאַרטיפטער אַנטוויקלונג פון דאָס גייסטיק־אַלמענטשלעכע און דאָס עטיש־אַליידישע אין יעדן יידישן מענטש. דאָס איז דער זין און מיין פון קולטור־עטנישער פרייהייט אין קעגנזאַץ צום שעדלעכן און וועלט־צעשטערנדיקן „עטנאָ־צענטריזם".

דער דריטער ספּעציעלער שטריך אין וועלט־באַנעם פון אַנאַרכיזם ביי יידן איז פאַרבונדן מיט אַ טיף־אָריגינעלן אַספּעקט פון דער גייס־טיקער געשיכטע פון יידן אַלס אַ פאָלק. עס איז, נעמלעך, פיל לייכטער דעם יידישן אַנאַרכיסט, ווי זיין חבר פון אַ וועלכן נישט איז צווייטן פאָלק, אָפּשלאָגן דעם פאָרוואורף, אַז די שטרעבונג צו אַ הערשאַפטלאָזער אָרדע־נונג צייכנט זיך אויס מיט דער געוויסער נישט־פּראַקטישקייט, מיט אַן אוּ־טאָפּיזם, מיט איין וואָרט — מיט אַ גייסט פון „נישט־פון־דער־וועלט" באַ־הויכטן אידעאַל, א. ד. גל. דאָס מיינט, אַז דער גלויבן אין צוואַנג און געוואַלט איז כלומרשט נויטיק פאַר דער זעלבסט־דערהאַלטונג, פאַר דער באַהויפּטונג פון דעם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן אויף דער רעאַלער ערד אין דער וועלט ווי זי איז. ווייזט אָבער דער ביישפּיל פון דער יידישער געשיכטע, וועלכע וואָלט געדאַרפט גוט באַקאַנט זיין דווקא די אַנאַרכיסטן־יידן, אַז פאַר דעם לעבן פון אַ פאָלק זיינען צוואַנג, געוואַלטזאַמע אויטאָ־ריטעט, מיליטאַריזם (אָבליגאַטאָרישער מיליטער־דינסט) און מלחמה, ווי אַ סך אַנדערע פאָרמען פון דער „מאָדערנער שקלאַפעריי" (לעוו טאָלס־טאָי), לחלוטין נישט קיין אַבסאָלוט־נויטיקע פאַרבאַדינגונגען...

און טאַקע אַזוי. מיר נעמען דאָך אָן פאַר אויגנשיינלעך קלאָר, אַלס אַ זעלבסטאַנעמבאַרע אַקסיאָם, אַז דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטלעכע באַשעפעניש און קען נישט עקזיסטירן, וועגן רעדט שוין פון אַנטוויקלען

זיך, אָן דער צעטיילונג פון ארבעט, אָן קעגנזייטיקער הילף און קאָאָפּע־ראַציע; און אויב מיר װעלן זיך דערמאָנען אז דער מענטש איז פון דער נאַטור, אָדער דאַרף זיין, אַ בעל־שכל, אַ פּאַרגונפטיקע באַשעפעניש — טאָ פאַרוואָס זאָל עס גאָר זיין אומפּראַקטיש, אוטאָפּיסטיש, צו שטרעבן און אַרבעטן פאַר אַזאַ סאָציאַלן סדר, וואָס איז געבויט אויף יושר, אויף פריי־הייט און גלייכהייט? דעריבער האָט זיך די יידיש־אַנאַרכיסטישע באַוועגונג, נאָך לאַנגער דערפאַרונג אין אַלערליי מעטאָדן פון טאַקטיק, אַוועקגע־לאָזן דווקא אויף די וועגן פון בילדונג, אויפקלערונג און דערציאונג.

אין ריין היסטאָרישן זין, אַזוי דראַמאַטיש און כאַראַקטעריסטיש, זיינען די אָרעמע אונטערדריקטע יידישע האָרעפּאַשניקעס פון מזרח־אייראָפּע אין די נייע, מיט אומזיכטבאַרע ווענט אָפּגעצאָמטע פינסטערע געטאָס אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק, מיט אַ יאָר 60־70 צוריק, געוועזן די ערשטע פּיאָ־נערן פון אָט־דער נייער באַוועגונג ביי יידן. זיי האָבן די מיטמענטשן זיי־ערע גערופן צו פאַרטראַכטן זיך און צו פאַרטיפן זיך אין די מעגלעכקייטן פון אַ פיל בעסערן, פיל הומאַניטאַרערן סדר אין די מענטשלעכע צווישנ־באַציאונגען, ד. ה. די באַציאונגען פון מענטשן־יחידים און פעלקער צווישן זיך. און דער ביז־איצטיקער וועלט־צושטאַנד ווייזט ווי ריכטיק זייער גלויבן איז געווען...

ווי ס'איז אין קאַפּ. 3 שוין דערמאָנט געוואָרן, האָט די הימל־שריי־ענדיקע טראַגעדיע פון די שיקאַגער מאַרטירער (1886—1887) דירעקט מיטגעשפּילט אַ זייער אַקטיווע ראָלע אין דער אויספאָרמירונג פון אַ יידיש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין נאָרד־אַמעריקע. אויך אין דער ערשטער העלפט פון 20־סטן יאָרהונדערט, 40 יאָר נאָך דער שיקאַגער „העימאַר־קעט אַפעיר", האָבן די קלאַסן־נקמה, די שטאַטלעכע „יוסטיץ" און די אומטאָלעראַנץ אפילו צו די ערלעכסטע אידייען־קעגנער, געפאָדערט אירע קרבנות — און ווידער פון די אַנאַרכיסטישע מענטשלעכע קרייזן. דאָס איז געווען די טרויעריק־באַרימטע סאַקאָ־וואַנזעטי טראַגעדיע (1921—1927). אין אַלע אָנשטרענגונגען און קאַמפּאַניעס פאַר דער רעטונג פון אָט־די צוויי נאָבעלע אַרבעטער־קעמפער האָבן די יידישע אַנאַרכיסטן גע־נומען אַ גאָר גרויסן און אַקטיוון אָנטייל. ספּעציעל דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן די אַקטיווע ראָלע אין אָט־דער באַוועגונג צו ראַטעווען סאַקאָ און וואַנזעטי פון איינעם פון די ערשטע פּיאָנערן פון דער יידיש־אַנאַרכיסטי־שער באַוועגונג אין אַמעריקע — ד"ר מיכאל קאָהן (1866—1939). אָט־דער פּיאָנער און וועטעראַן פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם האָט איבער 50 יאָר פון זיין לעבן, און ביזן לעצטן טאָג זיינעם, געלעבט מיטן גייסט און אי־דעאַל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

אין מערב־אייראָפּע האָט די אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע לערע געפונען פאַר זיך די סימפּאַטיע פון אַ סך גלענצנדיקע יידישע אינטעלעקטואַלן. זיי

האָבן, אפשר אומבאַוואוסטזיניק פאַר זיך אַליין, אויפגענומען אָט־די נייע לערע ווי אַ נייער גלגול פון דער יידישער טראַדיציע, וועלכע קען אויסגעדריקט ווערן אָט־אַזוי: צו געווינען און פּרעדיקן יענע וועגן וואָס דערפירן די געזעלשאַפט צו אַ מצב, ווען די צווישנמענטשלעכע סכסוכים וועלן נישט זיין פאַרבונדן מיט ברוטאַלקייט און געוואַלט און מיט נקמה־געפילן; אַ מצב אין וועלכן סכסוכים און זייערע לייזונגען וועלן אויפגעהויבן ווערן צו אַ העכערער מדרגה פון אויסגלייך — נישט דורך אַ ווילסטן קאַמף, געוואַלט, אָדער צוואַנג, נאָר דורך מיטלען און מעטאָדן וואָס זיינען מער ווירדיק און פּאַסיק פאַרן מענטשלעכן מין.

מיר וועלן דאָ אָנרופן בלויז עטלעכע פון די געציילטע, גלענצנדיקע יידישע וואָרט־זאָגער פון אַנאַרכיסטישן וועלט־באַנעם אין מערב־אייראָפּע ביזן אָנהייב פון די 1920־ער יאָרן: בערנאַר לאַזאַר און וויקטאָר באַש אין פראַנקרייך; גוסטאַוו לאַנדויער און עריך מיזאַם אין דייטשלאַנד; רודאָלף גראָסמאַן אין עסטרייך; וואָלין און אַלעקסאַנדער שאַפּירא אין רוסלאַנד; דזשאַן עדעלמאַן, עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן אין נאָרד־אַמעריקע.

אומקערנדיק זיך צוריק צו די ברייטע יידישע מאַסן פון אַרבעטער און מיטל־קלאַס מענטשן אין אַ סך לענדער, קען מען אַלס רעזולטאַט פון דער 60—70 יאָריקער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע געוויס באַמערקן אַ פאָרשריט אויף אַ סך געביטן פון סאָציאַלער און קולטורעלער אַקטיוויטעט. יידישע פרייהייטלעכע סאָציאַליסטן (אַנאַרכיסטן), באַזונדערס אין נאָרד־אַמעריקע, האָבן געווירקט אַלס די סטימולירונג־פאַקטאָרן פאַרן וואוקס פון טרייד יוניאָניזם און פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס (אַרבעטער־רינג א. ד. גל.) און אין דער קאָאָפּעראַטיווער און בילדונג באַוועגונג. אויך האָט די פרוכטבאַרע ווירקונג פון אַנאַרכיזם און פון יידישע אַנאַרכיסטן זיך אַרויסגעשטעלט, מיט דער הילף פון דער פאַרדינסטפולער צייטשריפט די „פרייע אַרבעטער שטימע", פאַר אַ וויכטיקן פאַקטאָר אין דער נייער יידישער ליטעראַטור און קינסטלערישער אַקטיוויטעט, אויפציענדיק און דערמוטנדיק אָן אַ שיעור יונגע טאַלאַנטן, באַקעמפנדיק די טענדענצן צום ביליקן שונד, די פעלערן פון דער געלער, ד. ה. צום סענסאַציאָנאַליזם פאַרקויפטער פרעסע, און פון אַלע אַנדערע פאָרמען פון וואולגאַריטעט אויף דער בינע, אין פילם, ראַדיאָ א. אַז. וו. מיט דערפאָלג האָט די „פר. אַרב. שט." יאָרנלאַנג באַקעמפט די נידעריקע סטאַנדאַרט פון קונסט־ און ליטעראַטור־שאַפונג, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין אַ סכנה פאַר אמתער גייסטיקער קולטור אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע.

אמת, די אַנאַרכיסטישע אידעאַלן האָבן נאָך נישט הינטער זיך גרויסע מאַסן פון אָנהענגער צווישן די יידן. די מערהייט פון יידישן פאָלק איז דערווייל צו שטאַרק אורבאַניזירט און „פאַרפלפּולט" צו קענען צושטעלן

אַ מאַסן־אָנהענגערשאַפֿט פֿאַר אַ באַוועגונג, וואָס איר הויפּט־נאָכפֿאָלגער־שאַפֿט באַשטייט הויפּטזעכלעך פֿון באַוואוסטזיניקע דאָרפֿישע און שטאָטישע אַרבעטער (אין קאַטאַלאָניע, איטאַליע, פֿראַנקרייך, לאַטיין־אַמעריקע א. אַז. וו.). פֿונדעסטוועגן לעבן נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג צווישן ייִדן די אידייען און אידעאַלן פֿון אַנאַרכיזם און האָבן נאָך אַלץ זייער אינטעלעקטועלן כּח פֿון מוט און אומדערשראָקנקייט נישט פֿאַרלאָרן, פּונקט ווי אין אָנהייב פֿון זייער שטורמישער ווירקזאַמקייט ביי ייִדן אין אַמעריקע, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער מיט איבער 60 יאָר צוריק.

זיי, די אַנאַרכיסטישע אידייען, מאַכן נאָך אַלץ אַ רושם אויף די מוחות און הערצער פֿון אומצייליקע בעסערע ייִדישע מענער און פֿרויען, וועלכע האָבן שוין דערגרייכט אַ העכערע שטופֿע פֿון אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער רייפֿקייט. און — וואָס איז נאָך וויכטיקער — אַט־די אַנאַרכיסטישע אידייען און אידעאַלן האָבן נאָך אַלץ די קראַפֿט צו סטימולירן, צו באַוועגן און דערוועקן די איניציאַטיוו צו די בעסטע ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיוויטעטן אין דעם גייסט פֿון פֿרייהייט און גלייכהייט. אין איצטיקן צושטאַנד פֿון דער ייִדישער גאַס, און פֿון דער גאָרער וועלט בכלל, איז אָט־די קראַפֿט אַ זייער נויטיקע און אָנגעלייגטער אויפֿטו סיי פֿאַר דער וועלט, סיי פֿאַר ייִדן, ווי יחידים און ווי אַ פֿאָלק צווישן אַנדערע פֿעלקער.

# ביבליאָגראַפיע*)

1) **באָרישאָווער, יוסף:** געזאַמלטע שריפטן (פּאָעזיע און פּראָזע), ניו־יאָרק 1911 (פרייע אַרבעטער שטימע"), 347 ז"ז.

2) **באַקונין, מ.:** געקליבענע שריפטן, יידיש: י. קרעפּליאַק, ביאָ־גראַפישע סקיצע: רודאָלף ראָקער, ניו־יאָרק, 1919 (קראָפּאָטקין לי־טעראַטור־געזעלשאַפט), 307 ז"ז.

3) **בערקמאַן, אַלעקסאַנדער:** געפענגניס ־ דעראינערונגען פון אַן אַנאַרכיסט, איבערזעצט פון מ. קאַטץ און א. פרומקין, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1920, ז"ז 1—276; ב. 2, ניו־יאָרק, 1921, ז"ז 277—605. (אַרויסגעגעבן פון מ. ע. פיטצדזשעראַלד), מיט אַ פּאָררעדע פון האַט־שינס האפּגוד.

4) **ברופּבאַכער, פריץ:** מאַרקס און באַקונין. בייטראַג צו דער גע־שיכטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע. יידיש פון ה. פריינד־מענעס. וואַרשע, 1933 (פאַרלאַג „דאָס בוך"), 280 ז"ז.

5) **גראַוו, זשאַן:** די אָפּשטאַרבנדע געזעלשאַפט און די אַנאַרכיע, יידיש: ר. ראָקער; לאָנדאָן, 1908 („אַרבעטער פריינד"), 280 ז"ז.

6) **דאַווע, וויקטאָר:** מיכאַיל באַקונין און קאַרל מאַרקס, יידיש: ר. ראָקער, לאָנדאָן, 1907, („אַרב. פר."), 39 ז"ז.

7) **דע־קלעיר, וואָלטערינא:** דירעקטע אַקציאָן, ניו־יאָרק, 1914 (גרו־פּע („ברויט און פרייהייט"), 32 ז"ז.

8) **ד"ר זאָלאָטאַראָוו, הלל:** געקליבענע שריפטן, באַנד 3 — סאָ־ציאַל־פילאָזאָפישעס און פּובליציסטישעס, רעדאַקטאָר: יואל ענטין, ניו־יאָרק, 1924 (ד"ר הלל זאָלאָטאַראָוו פּאַבליקיישאָן קאָמיטעט), 423 ז"ז, ד"ר ח. זשיטלאָווסקי: „ד"ר ה. זאָלאָטאַראָווס נאַציאָנאַ־ליסטישער אַנאַרכיזם" אין ה. זאָלאָטאַראָווס „געקליבענע שריפטן" (ניו־יאָרק, 1924).

---

*) דאָס איז אַ ביבליאָגראַפישע רשימה פון ב י כ ע ר אין יידיש. בלויז עטלעכע געצווילטע בראָשורן גייען אויך אַריין אין אונזער צעטל. אַ גרויסע צאָל יידישע בראָשורן אויף אַנאַרכיסטישע טעמעס זיינען דערשינען אין ענגלאַנד און אַמעריקע זינט סוף די 1880-ער יאָרן. אפילו אַלס ביכער-רשימה פּרעטענדירט נישט אָט-די ביבליאָגראַפיע צו דעקן די גאַנצע געהעריקע ליטעראַטור.

9) **טהאָרא, העגרי דעיהיד:** די פליכט פון אומגעהאָרכזאַמקייט צום שטאַט. רעדאַקציע און איינלייטונג פון ד״ר י. א. מעריסאָן, ניו־יאָרק, 1907 (מאַקס נ. מייזעל), 64 ז״ז. נייע איבערזעצונג פון יוסף קאַהאַן, לאָס אַנדזשעלעס, 1950 (ראָקער פאַרלאַג־קאָמיטעט און קראָפּאָט־קין־בר. 413 א. ר.). מיט נאָכוואָרט פון הערמאַן פראַנק: „ה. ד. טהאָראָ און זיינע פרייהייט־אידייען״. (ביבליאָטעק „פרייער גערדאַנק״ נום. 3 — לאָס אַנדזשעלעס — תל־אביב).

10) **טאָלסטאָי, ל. נ.:** שקלאַפעריי פון אונזער צייט און אַנדערע גע־קליבענע סאָציאַלע שריפטן. יידיש: ש. יאַנאָווסקי, ניו־יאָרק, 1912 (פר. אַרב. שט.״), 238 ז״ז.

11) **יאַנאָווסקי, ש.:** ערשטע יאָרן פון יידישן פרייהייטלעכן סאָציאַ־ליזם (אויטאָביאָגראַפישע זכרונות פון אַ פּיאָנער און בויער פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד און אַמעריקע. היסטאָריש־ביאָגראַפישע איינלייטונג פון ד״ר ה. פראַנק, ניו־יאָרק, 1948, (פר. אַרב. שט.״), 356 ז״ז. אַלס ביילאַגע איז איבערגעדרוקט ש. יאַנאָווסקיס בראָשור: „וואָס ווילן די אַנאַרכיסטן?״ (לאָנדאָן, 1890).

12) **לאַנדויער, גוסטאַוו:** אויפרוף צום סאָציאַליזם. יידיש: ה. פראַנק און ב. ראָזענטאַל. איינפירונג אין ג. לאַנדויערס לעבן און שאַפן פון ה. פראַנק, בערלין, 1921 (וועלט־פאַרלאַג), 250 ז״ז.

13) **לאַנדויער, גוסטאַוו:** די רעוואָלוציע. יידיש: ד״ר י. נ. שטיינ־בערג, פאָרוואָרט: מאַקס נעטלוי, וואַרשע 1933, (ברזשאָזע), 160 ז״ז.

14) **מאַקאַי, דזשאָן הענרי:** די אַנאַרכיסטן, קולטור־בילדער פון 19־טן י״ה. יידיש: א. פרומקין, פאָרוואָרט: ר. ראָקער, לאָנדאָן, 1908, (אַרב. פר.״), צוויי בענד.

15) **מאַלאַטעסטאַ, עררי́קאַ:** די פאַרלאַמענטאַרישע פּאָליטיק אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. יידיש: ר. ראָקער. לאָנדאָן, 1907 („אַר. פר.״), 47 ז״ז.

16) **מולטאַטולי (דויעס, דעקקער עדוואַרד):** ליעבעס־בריעף פון מול־טאַטולי. איבערזעצט פון א. פרומקין, פאָררעדע פון ר. ראָקער. לאָנ־דאָן, 1911. אַרויסגעגעבן פון אַנאַרכיסטישן ליטעראַטור־פאַראיין (פאַרלאַג „אַרב. פר״), 194 ז״ז.

17) **מעסליע, זשאַן:** „גלויבן און פאַרנונפט״, איבערזעצט פון ש. יאַ־נאָווסקי. לאָנדאָן, 1907 (ראַדיקאַלע פאָלקס־ביבליאָטעק) 173 ז״ז. 2־טע אויפלאַגע: 1913, לאָנדאָן (י. מאַליפּזאָהן און ב. רודערמאַן).

18) **ד"ר מעריסאָן, י. אַ.:** דער אַנאַרכיזמוס און די פּאָליטישע טעטי־קייט, ניו־יאָרק, 1907 (מ. נ. מייזעל), 48 ז"ז.

19) **ד"ר מעריסאָן, י. אַ.:** די טעאָריע און פּראַקטיק פון אַנאַרכיזם. ניו־יאָרק, 1927 (נייע געזעלשאַפט" און „פּערער סענטער בר.א.ר.") 371 ז"ז.

20) **ד"ר מעריסאָן, י. אַ.:** די פּרינציפּן פון אַנאַרכיזם. ניו־יאָרק, 1934 („נייע געזעלשאַפט" בר. 364 א. ר.), 62 ז"ז.

21) **מרמר, קלמן:** דוד עדעלשטאַט, ניו־יאָרק, 1950 (איקוף־פאַרלאַג), 410 ז"ז.

אַ געניע ביאָגראַפיע מיט זייער פולער ביבליאָגראַפיע און 50 בריוו ד. עדעלשטאַטס. — סימפּאַטיש צום רעוואָלוציאָנערן דיכטער ד. ע. אָבער מיט שאַרף־אויסגעדריקטער שנאה פון אַ קאָמוניסטישן פּאַרטיי־מאַן צו דער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע, פאַר וועלכער ד. ע. האָט געלעבט און געליטן

22) **עדעלשטאַדט, דוד:** שריפטן (פּאָעזיע און פּראָזע),מיט אַ פאָר־רעדע פון מ. קאַטץ איבער דעם לעבן און שאַפן פון דעם דיכטער, לאָנדאָן, 1909 („ארב. פר.") — ניו־יאָרק, 1925 („פר. ארב. שט."), 405 ז"ז.

23) **ד"ר עלצבאַכער, פּאול:** דער אַנאַרכיזם, יידיש: ד"ר י. א. מע־ריסאָן, ניו־יאָרק, 1910 (אינטערנעשאָנאַל לייברערי פּאַב. קאָ) 347 ז"ז.

24) **פאברי, לואידזשי:** ערריקאָ מאַלאַטעסטאַ, זיין לעבן און זיינע סאָ־ציאַלע אידייען. בועגאָס איירעס (בוך־געמיינשאַפט פון דער יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט), 48 ז"ז.

25) **פרומקין, א.:** אין פרילינג פון יידישן סאָציאַליזם. זכרונות פון א זשורנאַליסט. ניו־יאָרק, 1940 (א. פרומקין יובליי־קאָמיטעט), 304 ז"ז.

26) **קאַהאַן, יוסף:** די יידיש־אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע. היסטאָרישער איבערבליק און פערזענלעכע איבערלעבונגען. פילאַדעל־פיע, 1945 (ראַדיקאַל לייבערי), 557 ז"ז.

27) **קאַהאַן, יוסף:** דער אורשפרונג פון גלויבן (ביבליאָטעק „פרייער געדאַנק" נומ. 1) תל־אביב, 1950 (אליעזר הירשאוגה), 32 ז"ז.

28) מ. קאַטץ זאַמלבוך, רעדאַקטירט: א. פרומקין און חיים פיינמאַן. פילאַדעלפיע, 1925 (מ. קאַטץ יובליי־קאָמיטעט), 208 ז"ז.

29) **קאַפּעלאָוו, י.:** אַמאָל אין אַמעריקע. זכרונות פונם יידישן לעבן אין אַמעריקע אין די יאָרן (1882—1904). ווארשע, 1928 (ברזשאָזע), 463 ז״ז.

30) **קראָפּאָטקין, פּעטער:** צום יונגן דור. יידיש: א. פרומקין. ניו־יאָרק, 1901 (מ. נ. מייזעל), 45 ז״ז.

31) **קראָפּאָטקין, פּעטער:** דער שטאַט און זיין ראָלע אין דער געשיכטע, לאָנדאָן, 1901) (גרופּע „פרייהייט״), 79 ז״ז.

32) **קראָפּאָטקין, פּעטער:** די אַנאַרכיסטישע פילאָזאָפיע, לאָנדאָן, 1906(?), („אַרבעטער פריינד״), 94 ז״ז.

33) **קראָפּאָטקין, פּעטער:** ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער, איבערזעצט פון ר. ראָקער, לאָנדאָן, 1906 („אַרב. פר.״) 426 ז״ז. נייע איבערזעצונג (אַ געקירצטע) פון י. ראַפּאָפּאָרט, ווארשע, 1930 אונטערן נאָמען: רעדעס פון אַ בונטאַר, פארלאַג יאַטשקאָווסקים „פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק״, ווארשע—ניו־יאָרק, 1930, 283 ז״ז.

34) **קראָפּאָטקין, פּעטער:** ברויט און פרייהייט, יידיש: מ. קאַטץ און א. פרומקין. לאָנדאָן, 1906 („אַרב. פר.״), 344 ז״ז.

35) **קראָפּאָטקין, פּעטער:** מעמואַרן פון אַ רעוואָלוציאָנער. יידיש: ג. דייוויד. רעדאַקטירט פון ד״ר י. מעריסאָן. ניו־יאָרק, 1912, (פּ קראָפּאָטקין, יובילייר־קאָמיטעט), 526 ז״ז.

36) **קראָפּאָטקין, פּעטער:** די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע 1789־1793. יידיש: ש. יאַנאָווסקי, ניו־יאָרק, 1912 („פר. אַרב. שט.״), 2 בענד.

37) **קראָפּאָטקין, פּעטער:** מאָדערנע וויסנשאַפט און די אַנאַרכיע. יידיש: ר. ראָקער, לאָנדאָן, 1913 („אַרב. פר.״), 380 ז״ז.

38) **קראָפּאָטקין, פּעטער:** קעגנזייטיקע הילף ביי חיות און מענטשן, אַלס פאַקטאָר פון אַנטוויקלונג. יידיש: ד״ר י. א. מעריסאָן, ספּעצ. פּאָררעדע פון פּארפאַסער צו דער יידישער אויסגאַבע. ניו־יאָרק, 1913 (קראָפּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט), 433 ז״ז.

39) **קראָפּאָטקין, פּעטער:** פעלדער, פאַבריקן און ווערקשטעפּער. יידיש: ד״ר י. א. מעריסאָן, ניו־יאָרק, 1914 (קראָפּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט), 410 ז״ז.

40) **קראָפּאָטקין, פּעטער:** אין רוסישע און פראַנצויזישע תפיסות. איבערזעצט פון י. קיסין. ניו־יאָרק, 1922 (קראָפּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט), 295 ז״ז.

41) **קראָפּאָטקין, פּעטער:** אידעאַלן און ווירקלעכקייט אין דער רוסי־שער ליטעראַטור. איבערזעצט פון ה. ראָזענפעלד. ב. 1: ניו־יאָרק, 1922, ז"ז 1—260. ב. 2: ניו־יאָרק, 1923, ז"ז 261—446. (קראָ־פּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט).

צום 2־טן באַנד זיינען צוגעגעבן דריי אַרטיקלען פון פּ. ק. 63 ז"ז. צוויי אַרטיקלען וועגן דער פּאַריזער קאָמונע און — די נאַציאָנאַלע פראגע (אַן ענטפער אויף אַ בריוו צו פּ. ק. מכוח אַנאַרכיזם און ציוניזם, ווי עס ווערט באַשריבן אין קאַפּ. 6 זייט 51 פון אונדזער בראָשור. אָט־דער אַרטיקל פון פּ. ק. האַלט 9 זייטן.

42) **קראָפּאָטקין, פּעטער:** די עטיק, די אָפּשטאַמונג און אַנטוויקלונג פון מאָראַל. יידיש: ד"ר י. א. מעריסאָן. באַנד1: ערשטער און צווי־טער טייל. ניו־יאָרק, 1924—1932 (קראָפּאָטקין ליטעראַטור־געזעל־שאַפט), 577 ז"ז מיט ביילאַגע: וועגן דעם אידעאַל פון דער צוקונפ־טיקער געזעלשאַפט און די פּראַקטישע מיטלען אים צו פאַרווירקלעכן).

43) קראָפּאָטקין־זאַמלבוך, געווידמעט דעם 25־סטן יאָרצייט פון פּ. ק. רעדאַקטאָר: יעקב סיגאַל, בוענאָס איירעס, 1947 (גרופּע „דוד עדעל־שטאַט"), 390 ז"ז.

44) **ראָקער, רודאָלף:** הינטער שטעכיקע דראָטן און גראַטעס. דערינע־רונגען פון דער קריגס־געפאַנגנשאַפט אין ענגלאַנד. יידיש: א. פרומ־קין. ניו־יאָרק, 1927 (ר. ראָקער שריפטן־קאָמיטעט), 2 בענד.

45) **ראָקער, רודאָלף:** די ראַציאָנאַליזאַציע פון דערווירטשאַפט און דער אַרבעטער־קלאַס. בוענאָס איירעס (בוך־געמיינשאַפט פון דער יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט), 168 ז"ז.

46) **ראָקער, רודאָלף:** מיכאַיל באַקונין. אַ ביאָגראַפישע סקיצע. לידז, 1902 (לידזער אַנאַרכיסטישע גרופּע), 40 ז"ז.

47) **ראָקער, רודאָלף:** די געשיכטע פון דער טעראָריסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך. אין צוויי טיילן. לאָנדאָן, 1906 (פאַרלאַג „אַרב. פר"), 298 ז"ז.

48) **ראָקער, רודאָלף:** פראַנסיסקאָ פערער און די פרייע דערציאונג פון דער יוגנט. לאָנדאָן, 1910 (פאַרלאַג „אַרב. פר."). 223 ז"ז.

49) **ראָקער, רודאָלף:** נאַציאָנאַליזם און קולטור. איבערזעצט פון דייטש — י. בירנבוים. בוענאָס איירעס, 1948 (בוך־געמיינשאַפט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט), 741 ז"ז.

50) **רעקלו, עליזע:** עוואָלוציאָן, רעוואָלוציאָן און דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל. יידיש: א. פרומקין. לאָנדאָן, 1908 („זשערמינאל״), 172 ז״ז.

51) **שטירנער, מאַקס:** דער איינציקער און זיין אייגנטום. איבערזעצט פון דייטשן אָריגינאַל פון ד״ר י. א. מעריסאָן, ניו־יאָרק, 1916 (קראָ־פּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט), 504 ז״ז.

52) **(שיקאַגאָ טראַגעדיע)**

שיקאַגער מאַרטירער, באַרימטע רעדעס פון די שיקאַגאָער מאַרטי־רער. פאָרוואָרט: אַלעקסאַנדער בערקמאַן. יידיש: א. פרומקין. ניו־יאָרק, 1933 (אַמשאַל־קראָפּאָטקין גרופּע), 284 ז״ז.

לייענט און פאַרשפּרייט די עלטסטע און פרייסטע
יידישע צייטשריפט אין דער וועלט

# פרייע ארבעטער שטימע

וואָס דערשיינט אין ניו־יאָרק זינט 1890

(ביז 1948 — אַ וואָכנשריפט, איצט — אַ צווייוואָכנשריפט)

אין יעדן נומער — אינטערעסאַנטע און אָריגינעלע אַרטיקלען. שאַפונגען אין פּאָעזיע און פּראָזע פון בעסטע יידישע שרייבער איבער דער וועלט דערשיינען אָפט אין דער „פר. אַרב. שט.".

די ערשטע יידישע צייטונג אָפן צו דינען דעם העכסטן סאָציאַלן אידעאַל:

**פרייער מענטש אין אַ פרייער געזעלשאַפט.**

ניו־יאָרקער אַדרעס: FREIE ARBETER STIMME
33, Union Square, New-York 3, N.Y.

---

יערלעכער אַבאָנעמענט־פּרייז פאַר פראַנקרייך: — 500 פראַנק
פּרייז פון איינצל־נומער פאַר פראַנקרייך — 25 פראַנק

---

# „דער פרייער געדאַנק"

פּאַריז — תל־אביב.

צייטשריפט פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, געווידמעט דעם קאַמף פאַר פרייהייט אויף אַלע געביטן פון לעבן און דענקען.

שוין דאָס דריטע יאָר ווי אין פּאַריז דערשיינט דער חודש־זשורנאַל פון פרייהייטלעכן אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישן וואָרט, ביז איצט זיינען דערשינען 17 נומערן.

פּרייז פון אַ נומער אין פראַנקרייך 30 פראַנק, אין אויסלאַנד 20 סענט.
אַדרעס: **Mme Prince, 33, aven. Jean-Jaurès, Pré-Saint-Gervais (Seine)**

---

לייענט, די פרייהייטלעכע יידישע פּרעסע

---

די בראָשור **„אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע אידייען און באַוועגונגען ביי יידן"** און אַלע פרייהייטלעכע יידישע צייטשריפטן, ביכער און בראָשורן איז צו באַשטעלן:

אין אייראָפּע: **H. Kaufman, 52, rue Merlin, Paris-11e**
אין ישׂראל: **El. Hirschauge, Tel-Aviv, 1, Antebi (cor. Levanda)**
אין אַמעריקע: **Freie Arbeiter Stimme, 33, Union Square, New-York 3, N.Y.**

פרייז 100 פראַנק — אין אויסלאַנד 0,50 סענט.

## געפינט זיך אין פאַרקויף

ראָקער, רודאָלף: נאַציאָנאַליזם און קולטור, 741 זייטן.

יאַנאָווסקי, ש.: ערשטע יאָרן פון יידישן פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, 280 ז"ז.

קאַהאַן, יוסף: די יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, 537 ז"ז.

קאַהאַן, יוסף: דער אורשפּרונג פון גלויבן, 32 ז"ז.

פרומקין, א.: אין פרילינג פון יידישן סאָציאַליזם, 304 ז"ז.

קראָפּאָטקין זאַמלבוך, געווידמעט דעם 25־טן יאָרצייט פון פּ. ק. רעדאַקטאָר יוסף סיגאַל, 390 ז"ז.

טהאָרא, הענרי דעוויד: די פליכט פון אומגעהאָרכזאַמקייט צום שטאַט, פונדאַסנייו איבערזעצט פון יוסף קאַהאַן מיט אַ נאָכוואָרט פון הערמאַן פראַנק, ה. ד. טהאָרא און זיינע פרייהייט־אידייען, 64 ז"ז.

אַלע ביכער זיינען אין אַ פיינעם איינבאַנד.

אין אייראָפּע און ישראל קען מען די אַלע ביכער און בראָשורן באַקומען צו הנחה־פּרייזן.

**לייענער, פאַרלאַנגט די ביכער אין די יידישע ביבליאָטעקן צום לייענען.**

## פּעטער קראָפּאָטקין אין העברעאיש

פטר קרופוטקין

„עזרה הדדית בעולם החי והאדם"

הוצאת „יבנה", ירושלים, 1922.

„המהפכה הצרפתית הגדולה"

הוצאת חברה — תל-אביב.

„זכרונות של מהפכן"

הוצאת הקיבוץ המאוחד, תל-אביב — תש"י.

„פטר קרופוטקין"

תולדותיו, רעיונותיו וספריו

שלושים שנה למותו (1921—1951)

מאת: א. גורל — תל-אביב, תשי"א (1951).

המו"ל אליעזר הירשאוגה תל-אביב, רח' ענתבי, 1 (פינת לבנדה)